# פרשת קרח כ"ו סיון – ב' תמוז תשפ"א לפ"ק

***יום ראשון פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אפרים בצלאל פריעדמאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו הרב **חיים מאיר כ"ץ** שליט"א שהתקיימה בבית הרבני הנגיד הר"ר **מנחם מענדל שטיינער** הי"ו. במשך המסיבה חתם **רבינו שליט"א** על שטר שותפות על נדבת לבו בסכום עצום לטובת בנין הישיבה גדולה ההולך ונבנה לשם ולתפארת, ויצא בריקוד עם הנגיד הי"ו בניגון בורא עולם בקנין. אחר שנשמעו חרוזים מיוחדים לכבוד המאורע, השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**פותחין** בכבוד אכסניא. מענדי איז אונז מארח דא ביי די סעודת שבע ברכות פון חתן כלה, דאס איז איין שמחה. די צווייטע שמחה איז, אז מען האט זוכה געווען אויפצושטעלן א בית וואס מען וועט דארט מגדל זיין תורה ותפלה, מען האט גענומען אויף זיך דעם עול, א גרויס חלק, אויפצושטעלן דעם נייעם מקום פאר די ישיבה. די דריטע שמחה איז, איך קוק זיך ארום ווער עס זיצט דא ביים טיש ארום און ארום, איך וועל עס אנרופן עס איז א 'ביזנעס לאנטש'. מיר זענען אלע שותפים. יעדער איינער האט זיין חלק אין דעם שותפות, יעדער איינער אין זיין מסגרת, אונז פיר מיר אלע צוזאמען א אימפעריע פון תורה. יעדער אין זיין מקום וואו דער אייבערשטער האט אים צוגעשטעלט זיין תפקיד, איינער דארף צו טון אין רוחניות, איינער טוט עס אין גמילות חסדים בגופו, ער גיט זיך אוועק שעות און שעות צו בויען תורה. איינער טוט עס בממון, מיט זיין געלט. אבער מיר אלע זענען שותפים אינאיינעם. און אשרינו מה טוב חלקינו, ומה נעים גורלינו, אונז דארף מיר דאנקען דעם אייבערשטען אויף דעם תפקיד וואס דער אייבערשטער האט אונז צוגעשטעלט אויף די וועלט. איך דאנק דעם אייבערשטען אויף מיין תפקיד, דער באשעפער האט מיר געהאלפן אז איך קען מרביץ תורה זיין, טון פארן אייבערשטענ'ס וועגן. אבער איך אליין וואלט גארנישט געקענט טון. אויב עס איז נישט דא די וואס העלפן צו דערצו, צו שטיין יעדער אויף זיין חלק צו העלפן, וואלט עס נישט געקענט אנקומען. אונז אלע דארף מיר זאגן, אשרינו מה טוב חלקנו! עס קומט נישט אן גרינג, עס קומט אן מיט אסאך שוועריקייטן. און די אלע וואס זענען עוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקב"ה ישלם שכרם, אויף די וועלט צאלט מען עס נישט, עס ווערט נאר באצאלט אויף יענע וועלט. אבער סוף כל סוף, מען האט א חלק אין הרבצת התורה אויפצושטעלן בתים נאמנים בישראל. הונדערטער און טויזנטער משפחות וואס זענען אויפגעשטעלט געווארן פון אונזערע מוסדות התורה, איז אלעס די קרעדיט פון יעדן פון ענק, וואס האט דערין א חלק.

**מען** דארף דאנקן דעם אייבערשטען. עס איז דא מענטשן וואס לעבן זיך אפ אויף די וועלט און גייען אוועק, ער האט געלעבט פאר זיך איינזאם, ער האט גארנישט אויפגעטון, נאר געטון פאר זיך וואס ער האט געדארפט טון, מפרנס זיין די בני בית, עס איז א געוואלדיגע חשיבות דאס אליין אויך, אבער זיי האבן נישט זוכה געווען צו האבן א זכות הרבים. א זכות הרבים בלייבט לעולמי עד, אפילו ווען דער מענטש געפונט זיך שוין נישט דא אויף דעם עולם, פון דעסט וועגן דאך, דער החזקת התורה, די בנינים שטייען, און וואס מען האט צוגעהאלפן דערצו, דער זכות איז עומדת לעולמי עד.

**מען** האט פריער דערמאנט, אז מענדי איז געווען ביי מיר פאר די חתונה, און ער זאגט מיר פון זיך אליין, איך ווייס אז מען שטייט פארן אויפבויען א בנין, איך האב ביז יעצט געהאלפן דערפאר, איך האב שוין געגעבן א גרויסע נתינה פאר דעם, איך וויל צוהעלפן מער. ער האט זיך אנגעטראגן פון זיך אליין, דער רב זאל מיר זאגן, וואס איך קען צוהעלפן מער. איך האב דאך קליינע השגות, האב איך געזאגט, ער זאל געבן א הלוואה. זאגט מענדי, נישט דאס האב איך געמיינט, איך וויל געבן א גרעסערע זאך. זאגט ער, מיין שותף יואלי [וואורצבערגער] איז איינדרויסן, לאמיר אים אריינרופן, און צוזאמען אפמאכן דא וויפיל מען קען געבן. אונז האב מיר אפגעשמועסט

די נדבה דארט, און ער איז ארויסגעגאנגען מיט אסאך א קלענערן סכום פון וויפיל ער האט געגעבן למעשה. עס איז געווען כמעט די העלפט פון וואס ער האט שפעטער צוגעגעבן דערצו. אפילו יעצט דא ביים אונטערשרייבן, האט ער צוגעגעבן נאך. - עס איז א געוואלדיגע מדת החסד וואס דער אייבערשטער האט אים מזכה געווען. ווייניג מענטשן זענען דא וואס געבן אזוי גרינג געלט ווי מענדי גיט! זיך אליין אנגעטראגן, און נישט ווארטן מען זאל בעטן, און מיט אזא סבר פנים יפות. - עס איז א חסד ה', און דו דארפסט אויך דאנקן דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט דיר געהאלפן, אז דו קענסט געבן, און דו האסט שכל צו געבן, דער זכות בלייבט איבער אויף שטענדיג.

**יעדע** זאך דארף מען דאך מלביש זיין אין א דבר תורה. דער אייבערשטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו (בראשית יח-יט), כי ידעתיו, איך האב אים ליב, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט. דער באשעפער האט געזאגט, איך האב אים ליב. און וואס איז די אהבה פונעם אייבערשטען צו אברהם אבינו, ווייל ער איז מצווה את בניו ואת ביתו אחריו. ער דינט נישט דעם אייבערשטען אליינס, נאר ער איז אויך מצווה פאר זיינע קינדער, און אלע שטוב מענטשן וואס דרייען זיך ארום ביי אים. אברהם אבינו האט געהאט גרים וואס ער האט מגייר געווען, ואת הנפש אשר עשו בחרן (שם יב-ה), און ער איז זיי מצווה ושמרו דרך ה', אז מען זאל אפהיטן די וועג פונעם אייבערשטען, צו טון צדקה ומשפט.

**עס** איז א לאנגע אריכות אין דעם לשון. דער פסוק וואלט געקענט זאגן, כי ידעתיו למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו, לעשות צדקה ומשפט. איך האב אים ליב, ווייל ער איז מצווה את בניו ואת ביתו, אז זיי זאלן טון צדקה ומשפט. וואס איז דער לשון פונעם פסוק למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו 'אחריו', נאך אים, ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט. 'אחריו ושמרו דרך ה', זענען לכאורה איבריגע ווערטער אין פסוק.

**נאר** אז די תורה האט עס געשריבן, איז דאך א סימן אז מען רעדט דא פון צוויי זאכן. איך האב אים ליב וועגן צוויי זאכן. איינס, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, און אויך ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט. די ערשטע זאך איז למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו 'אחריו', אברהם אבינו האט שטענדיג געזאגט, אונז דארפן מיר נישט קיין נייעס, אונז זוך מיר נישט קיין נייע וועגן. עטץ זאלטס אפהיטן און גיין אין די וועגן פונעם אייבערשטען נאך מיר. איך גיי פאראויס, עטץ זאלטס נאכגיין נאך מיר. וואס עטץ זעהטס ביי מיר, דאס זאלט עטץ טון. - היינט איז דא וואס מען איז פארגעשריטן, ער גייט ווייטער פון זיינע עלטערן. דער טאטע איז נאך א אלד-טיימע"ר, ער איז נאך צוריקגעבליבן פון פריער, דער זיידע איז געווען נאך פון א דור הקודם, און ער אליין איז שוין מער פארגעשריטן, ער גייט שוין פאראויס פון די עלטערן. אברהם האט מצווה געווען את בניו ואת ביתו 'אחריו', ריק דיך נישט אוועק פון וואס דו האסט געזעהן ביי מיר. וואס דו האסט געזעהן ביי מיר, אויף דעם וועג זאלסטו נאכגיין. דער אייבערשטער האט ליב געהאט דעם וועג ווי אזוי אברהם האט מחנך געווען, אז די קינדער זאלן גיין אחריו.

**נאכדעם** האט דער אייבערשטער געזאגט, איך האב אים ליב, ווייל ושמרו דרך ה' לעשות צדקה ומשפט, ער פארלאנגט פון זיי, אז זיי זאלן טון דעם וועג פונעם אייבערשטען צו טון צדקה ומשפט. עס איז דא צוויי ערליי צדקות. עס איז דא א צדקה, ווען עס קומט א עני, און ער בעהט זיך ביי דעם עושר, איך האב נישט, העלף מיר, וכדומה. און דער עושר האט רחמנות אויף אים, ער האט א ווייך הארץ, ער וויל ארויסהעלפן א צווייטן, און ער טוט צדקה. עס איז דא אמאל א צדקה וואס ער איז א רודף צדקה. קיינער האט אים נישט געבעטן, קיינער האט אים נישט געזאגט ער דארף האבן, אבער ער ווייסט אז ער קען דארט ארויסהעלפן, איז ער א רודף צדקה, ער זוכט צו טון צדקה וואו ער קען יענעם העלפן.

**דער** אייבערשטער טוט אויך צדקה מיט אונז. די צדקה וואס דער אייבערשטער טוט מיט אונז, איז נישט א צדקה וואס ווען מיר בעטן פונעם אייבערשטען, טוט ער מיט אונז א צדקה. גאנץ בריאת העולם וואס דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז להטיב לברויתיו. די סיבה דערפון איז, דער אייבערשטער וויל גוטס טון עם ברויתיו, כדי מיר זאלן קענען זוכה זיין צו חיי עולם הבא, וואס איז א נצחיות, דארף מען אדורכגיין די

גאנצע בריאה. דער אייבערשטער האט געוואלט טון א טובה לבריותיו, האט ער באשאפן די וועלט.

**דער** באשעפער טוט מיט אונז צדקה יעדן צופרי ווען אונז שטיי מיר אויף, ער גיט אונז צוריק די נשמה, ער גיט אונז לעבן, און מען שטייט אויף פונעם בעט, און מען קען אראפגיין פונעם בעט, און זיך אנטון, און גיין אין בית המדרש, דאס איז א צדקה! כל הנשמה תהלל י-ה (תהלים קנ-ו), על כל נשימה ונשימה תהלל י-ה (ב"ר יד-ט), א מענטש דארף דאנקן דעם אייבערשטען אויף יעדע נשימה, אז ער אטעמט דארף ער דאנקן דעם באשעפער. כאטש דו האסט נישט געבעטן, דו האסט נישט מתפלל געווען דערויף, פון דעסטוועגן דאך גיט עס דער אייבערשטער. דער באשעפער גיט צדקה אומגעבעטן. און אזוי דארף א יוד זיך צוגעוואוינען צו טון צדקה אומגעבעטן. אז מען בעהט און מען גיט איז אויך חשוב, אבער חשוב'ער איז, 'ושמרו', מען זאל אפהיטן, 'דרך ה', דעם וועג ווי אזוי דער אייבערשטער פירט זיך, אזוי זאל זיין דער לעשות צדקה ומשפט. דער דרך ה' צו טון צדקה איז נישט ווען מען האט זיך אויסגעבעטן ביי אים דעמאלטס גיט ער, דער דרך ה' איז צו טון צדקה אפילו מען האט נישט געבעטן פון דעסטוועגן דאך גיט דער אייבערשטער. און דאס האט דער אייבערשטער געזאגט, איך האב ליב אברהם אבינו, למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, ווייל ער הייסט זיינע קינדער זאלן גיין נאך אים. און ושמרו דרך ה' לעשות צדקה, אז דאס וואס מען טוט צדקה ומשפט, זאל זיין אזוי ווי דער דרך פונעם אייבערשטען, צו זיין א רודף צדקה.

**די** צדקה יעצט איז נישט נאר סתם א צדקה, עס איז א צדקה פון בויען תורה, עס איז 'צדקה ומשפט', תורה ווערט אנגערופן משפט, די צדקה דא איז פארבינדן מיט משפט, דער זכות פון תורה, און דער זכות פון צדקה,ביידע צוזאמען, זאל דיר באגלייטן ווייטער, דו זאלסט קענען טון אין מסחר כהנה וכהנה, און אז מען פארדינט כהנה וכהנה, גיט מען דאך כהנה וכהנה, פארדינט דאך דער אייבערשטער אויך פון דעם וואס דער באשעפער העלפט אז דו זאלסט קענען מצליח זיין.

**די** סעודה וואס מען זיצט דא צוזאמען, איז א סעודה פון הכרת הטוב. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה דו זאלסט קענען פירן א שטוב, א ערליכע שטוב, עס זאל זיין למען אשר יצוה את בניו ואת ביתו אחריו, די קינדער זאלן גיין אויפן זעלבן וועג ווי מען האט געזעהן ביי די אבות, ווייטער דאס ממשיך זיין ביתר שאת וביתר עוז. ושמרו דרך ה' לעשות צדקה, טוען ווייטער צדקה וחסד אויפן וועג פונעם דרך ה'. זיך אליין אנטראגן און געבן. אז דו גייסט אין דרך ה', צאלט דער אייבערשטער צוריק, דער אייבערשטער באצאלט עס צוריק כהנה וכהנה.

**דער** אייבערשטער זאל אונז אלע געבן, אז מיר זאלן זעהן ברכה און הצלחה ביי די אייגענע קינדער, מען גיט אוועק אזויפיל צייט און אזויפיל מיה אז די מוסדות התורה זאלן ווייטער בליען, און קענען מחזק זיין אנדערע קינדער צו תורה, ווערט עס באצאלט פונעם אייבערשטען ביי זיך אינדערהיים. דאס איז די גרעסטע ברכה וואס א מענטש קען האבן, צו האבן קינדער תלמידי חכמים ערליכע יודען, דאס איז די גרעסטע נחת וואס איז שייך. דער אייבערשטער זאל באצאלן פאר ענק אלע, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. מען זאל זיך קענען צוזאמקומען שטענדיג נאר מתוך שמחה וטוב לבב, עס זאל זיין שמחות אין אלע יודישע שטובער, ביז מיר וועלן זוכה זיין צו די גרויסע שמחה, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נקבצו קהל המונים להשתתף אצל שמחת השבע ברכות רבתי של נכד **רבינו שליט"א, הרב חיים מאיר שליט"א** שנערך על ידי קהלתינו הק' בהיכל בית מדרשנו הגדול לרגל השמחה הרוממה בחצר קדשינו. השמחה עברה ברוב פאר והדר ובמקהלות עם רב תלמידים וחסידים, שגדשו את היכל הבית המדרש.

בסעודת השבע ברכות השמיע **הרה"ג רבי בנימין ברייער שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו זכרון יהודא בב"פ דברים ערבים בגודל רוממות יום שמחתינו, שמחת בית צדיקים. אחר פרקי שירה וזמרה בנעימים על ידי מקהלת אברכי אנ"ש, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לכבוד שמחת חתן וכלה. עם סיום הדברות קודש נשמעו דברי בדחנות על ידי הר"ר **נחמן לעווי** הי"ו.

בשמחת השבע ברכות השתתפו **כ"ק האדמורי"ם מסאטמאר** (וומסב"ג), **מונקאטש, דינוב, צעהלים שליט"א**, שרקדו עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **רבינו שליט"א**.

אחר ברכת המזון רקד **רבינו שליט"א** ריקודים מיוחדים עם החתן והמחותנים למשך זמן, אחר כך עברו הקהל לקבל כוס של ברכה, ולברך ולהתברך לרגל השמחה.

***__וזה תוכן הדברות קודש:__***

**אודה** ה' מאד בפי, ובתוך רבים אהללנו. אין א זמן פון א שמחה דארף א יוד דאנקן דעם אייבערשטען בתוך רבים. אילו פינו מלא שירה כים, ולשונינו רנה כהמון גליו, אין אנו מספיקין להודות, א יוד קען נישט גענוג דאנקען דעם אייבערשטען פאר די אלע חסדים וואס דער באשעפער טוט מיט אים שטענדיג. בפרט ווען מען שטייט אין א שמחה, מען זעהט ווי אזוי די דורות ווערן נמשך, ערליכע חתנים ערליכע כלות שטעלן אויף נייע יודישע שטובער, דער שלשלת הזהב ציהט זיך ווייטער. בפרט אין היינטיגע צייטן וואס עס איז אזוי שווער מחנך צו זיין ערליכע דורות, דארף מען עקסטער אפגעבן א שבח והודאה פארן אייבערשטען, אז מען זעהט נחת ביי די קינדער. בפרט דא ביי דעם חשוב'ן שידוך פון אלע צדדים,ביידע קינדער זענען דעעש'ער אייניקלעך. דעם שבת איז מען געזעסן מיט די משפחה צוזאמען, און איך האב זיך באקענט מיטן דעעש'ער רבי, איך האב נישט געוואוסט אז מיר האבן דא אין שכינות אזא אדם חשוב. און דער אנדערער מחותן, דער ראדאמישלער רב, מיר זענען שוין ידידים פון לאנג, דער אייבערשטער וועט העלפן, אונז וועל מיר זעהן אסאך נחת ווייטער אויך.

**איך** וויל עקסטער אפגעבן א דאנק פאר אלע חשובע אנשי שלומינו וואס האבן אטייל גענומען ביי די שמחה, ביי די חתונה און יעצט ביי די שבע ברכות, מיט אזא איבערגעגעבענקייט. איך האב שוין מערערע מאל געזאגט, אז דער אייבערשטער האט מיר געגעבן א מתנה, אז אין א צייט ווען איך האב א שמחה אין די משפחה, לעב איך א גאנצע וואך אין א אנדערע וועלט. די שמחה נעמט מיך אזוי איבער, איך קען עס נישט ארויסברענגען מיט ווערטער. איך האלט אז עס איז א שכר פונעם אייבערשטען, ווייל איך בין זיך משמח אין יודישע שמחות אסאך, און איך בין זיך משמח מיטן גאנצען הארץ, באצאלט מיר דער אייבערשטער צוריק, אז ווען איך מאך א שמחה, זאל איך קענען זיין בשמחה. און די אלע משתתפים האט יעדער צוגעגעבן א שטיקל צו די שמחה. און ווען די שמחה פילט זיך איבער, די כלי פילט זיך איבער, גייט די שמחה ארויף אויף די אלע וואס זענען נאנט, זאל דער אייבערשטער געבן ווייטער אויך, אז עס זאל זיין שמחות אין ענקערע שטובער.

*

**לכבוד** חתן כלה, האב איך געטראכט א נקודה. געוועהנליך ווען איך רעד ביי דעם שבע ברכות, רעד איך פון א נושא, אז יעדער זאל אויך קענען עפעס אהיים טראגן דערפון, וואס איז נוגע צום זיווג פונעם מענטש. די גמרא (יבמות סג.) זאגט, כל מי שאין לו אשה, אינו אדם, ווילאנג מען האט נישט חתונה געהאט, הייסט מען נישט קיין אדם. שנאמר, אזוי שטייט אין פסוק (בראשית ה-ב), זכר ונקבה בראם, ויקרא את שמם אדם. אדם איז נאר ווי עס איז זכר ונקבה בראם, נאכדעם וואס עס איז צוזאמגעשטעלט געווארן א שידוך, ווערט מען אנגערופן אדם. וואס איז דער פשט דערפון, אז אדם ווערט מען אנגערופן אויף די נקודה, אז דער אייבערשטער האט צוזאמגעשטעלט א זיווג, און דעמאלטס ווערט מען אנגערופן אדם. מען איז דאך א אדם פאר דעם אויך. זעהט אויס אז דער טיטל 'אדם' קען מען נישט באקומען נאר בשעת נישואין, וואס איז דער ענין דערפון.

**אונז** זאג מיר מערערע מאל אין טאג די ברכה פון בורא נפשות. דער נוסח פון די ברכה איז, בורא נפשות רבות וחסרונן, על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי, ברוך חי העולמים. נישט יעדער איינער ווייסט אבער די טייטש געהעריג, וואס מען דאנקט אין די ברכה פון בורא נפשות. דער **טור** (או"ח סימן ר"ז), טייטשט, 'בורא נפשות רבות', דער אייבערשטער האט באשאפן אסאך נפשות, אסאך מענטשן, 'וחסרונן', און ער האט זיי אויך געגעבן אלעס וואס עס פעלט זיי אויס. ווען דער באשעפער האט באשאפן די וועלט, האט ער צוגעשטעלט פאר דעם מענטש אלע זיינע זאכן וואס ער דארף האבן. און נישט נאר חסרונן וואס אן דעם קען ער נישט לעבן, ברויט און וואסער וואס אן דעם קען ער זיך נישט באגיין. נאר דער באשעפער האט אונז געגעבן א וועלט פון עסן, וואס מען זאל קענען האבן א הנאה דערפון, אויסער די זאכן וואס מען דארף האבן צו קענען לעבן. 'על כל מה שבראת', אונז דאנק מיר דעם אייבערשטען אויך אויף אלעם וואס דו האסט באשאפן, 'להחיות בהם נפש כל חי', וואס אונז זאל

מיר קענען דערמיט לעבן. מיר דאנקן דעם אייבערשטען סיי אויף די חסרונן, וואס אונז דארפן מיר האבן, און סיי על כל מה שבראת להחיות בהם נפש כל חי, ברוך חי העולמים.

**איך** וואלט געטראכט אז עס ליגט נאך א נקודה אין די ברכה פון בורא נפשות רבות וחסרונן, און עס משלב זיין צו די פרשה פאריגע וואך, די פרשה פון די מרגלים, וואס עס איז איינע פון די פלאות'דיגע פרשיות וואס איז דא אין די תורה, וואס עס איז אדורכגעגאנגען אויף יודען אין מדבר. משה רבינו האט געשיקט ויתורו את ארץ כנען (במדבר יג-ב), מען זאל גיין שפיאנירן ארץ ישראל, אומצוקוקן פונקטליך וואס טוט זיך דארט, און זיי זאלן צוריק קומען זאגן, וואס מען האט געזעהן. און עס איז נישט געלונגען וואס ער האט געוואלט, עס האט זיך אנדערש אויסגעשטעלט למעשה ווי אזוי עס איז געווען, ויוציאו דבת הארץ.

**עס** איז א געוואלדיגע פלא צו פארשטיין, פארוואס האט משה רבינו געשיקט שלוחים אויף ארץ ישראל. אוודאי ביי א מלחמה שיקט מען שפיאנען, כדי מען זאל וויסן וואס עס טוט זיך ביי יענעם אין די מדינה, וויסן וואו עס איז דער שוואכער פונקט, וואו עס איז די שטארקערע פונקטן, פון וואו מען זאל אריינגיין, וואו מען דארף האבן מער מיליטער, וואו מען דארף האבן ווייניגער מיליטער, ווי דער סדר איז די סטראטעגיעס אין א מלחמה. די אנשי מלחמה וויסן ווי אזוי מען דארף פירן די מלחמה, מוז מען וויסן פונקטליך ווי אזוי עס איז אויסגעשטעלט די מאפע פון דעם פלאץ וואו מען גייט אריין.

**ווען** יודען זענען געווען אין מדבר, זענען זיי נישט געווען קיין אנשי מלחמה, זיי זענען נישט געווען געלערנט צו פירן א מלחמה. זיי זענען געזעסן און געלערנט אינעם מדבר. אין ארץ ישראל איז געווען דעמאלטס ל"א מלכים, גיבורים, ענקים, און יודען האבן אויסגעקוקט ווי א חגב אקעגן אן ענק, ונהי בעינינו כחגבים (שם יג-לג). און ווי רש"י זאגט, זיי האבן אונז אנגעקוקט ווי נמלים, זיי האבן אויסגעקוקט ווי מורישקעס. האבן זיי דען געהאט א הוה אמינא אז זיי קענען געווינען א מלחמה בדרך הטבע? נמלים גייען פירן א מלחמה אקעגן בני ענק? עס לייגט זיך דאך נישט אויפן שכל, אז מען זאל קענען געווינען אזא מלחמה. איז דאך נאר, ווייל דער אייבערשטער האט געזאגט, אז ער וועט זיי אריינטראגן אויף ארץ ישראל, און דער אייבערשטער קען דאך מאכן נסים, זיי האבן דאך מיטגעלעבט נסים די גאנצע צייט פון ווען מען איז ארויס פון מצרים ביז אהער, וועט דער אייבערשטער מאכן נסים, און מען וועט קענען אריינגיין אויף ארץ ישראל. און אז דער אייבערשטער דארף מאכן נסים, איז זייער גרינג אריינצוקומען קיין ארץ ישראל, אן שלוחים, אן ויתורו את ארץ כנען. מיט איין חושך וואס עס ווערט, און מען קען זיך נישט רירן. מיט איין מכות בכורות, גייט מען אריין אין ארץ ישראל. זיי האבן דאך עס מיטגעלעבט, אז עס איז דא אזא מציאות, זיי קענען איינעמען גאנץ ארץ ישראל אן א שאס! וואס דארף מען שיקן מענטשן זאלן אריינגיין אויף ארץ ישראל זיך אומקוקן וואס דאס לאנד איז, און וויסן פונקטליך את הארץ? עס איז הפלא ופלא דאס עצם שיקן שלוחים אויף ארץ ישראל. אין א טבע'דיגע מלחמה דארף מען האבן שפיאנען, אבער א מלחמה וואס מען קען נישט זיגן בטבע, איז א נפקא מינה פאר די נמלה, צו דער ענק שטייט דארט, צו ער שטייט אויף א צווייטן פלאץ?

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז. שלמה המלך זאגט אין קהלת (ב-יג), וראיתי אני שיש יתרון לחכמה מן הסכלות, כיתרון האור מן החושך. טייטשט דער מצודות, דער אייבערשטער האט באשאפן סכלות, נארנות, און ער האט באשאפן חכמה. אז ער האט באשאפן חכמה, פארשטייט מען. אבער פארוואס האט ער באשאפן נאראנים? פארוואס דארף מען נאראנים אויף די וועלט? די וועלט זאגט, 'פון א נאר האט מען צער'. וואס איז דא אין דעם סכלות, אז דער אייבערשטער האט עס באשאפן.

**און** אז דער אייבערשטער האט עס יא באשאפן, איז דער טייטש אז עס איז א חלק פון די בריאה, אז עס דארפן זיין נאראנים אויף די וועלט. פארוואס? זאגט דער מצודות, ווייל ווען עס וואלט נישט געווען קיין סכלות אויף די וועלט, וואלט מען נישט פארשטאנען די טובה פון חכמה. ווען יעדער מענטש וואלט געווען קלוג, איז דאך קלוגשאפט גארנישט, עס איז דאך א נארמאלע זאך. אבער אז עס איז דא נאראנים אויף די וועלט, דעמאלטס

הייבט מען אן צו אנערקענען די טובה פון די חכמה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר איינעם וואס איז א חכם. פונקט ווי אור, ליכטיגקייט, ווייסט מען נישט די מעלה דערפון, נאר אז עס איז דא קודם חושך, און עס ווערט נאכדעם ליכטיג, זעהט מען די מעלה פונעם אור. די זעלבע איז, די מעלה פון חכמה זעהט זיך נישט ארויס, נאר ווען עס איז דא סכלות. זאגט דער פסוק, וראיתי אני, איך האב געזעהן אז דער 'יתרון החכמה' איז 'מן הסכלות', דער יתרון החכמה קומט, מן הסכלות, ווייל עס איז דא סכלות, איז דא א יתרון אין חכמה. 'כיתרון האור מן החושך', אזוי ווי דער יתרון פונעם אור, נעמט זיך פונעם חושך, די זעלבע איז אויך חכמה.

**ווילאנג** אלעס גייט גוט פאר א מענטש, און ער ווייסט נישט וואס דאס מיינט נישט גוט. אזוי לאנג שפירט ער נישט די טובה וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. ווען עס איז דא זמנים וואס עס גייט נישט אזוי גוט אויף די וועלט, און דער אייבערשטער העלפט אים אז ער איז מצליח, דעמאלטס דאנקט ער דעם אייבערשטען, און ער זעהט די טובה וואס דער אייבערשטער האט מיט אים געטון. ווען עס וואלט נישט געווען קיין קראנקע אויף די וועלט, עס איז נישט דא אזא זאך פון קראנקהייט, וואלט דען א מענטש געדאנקט דעם אייבערשטען אז ער איז געזונט? ער וואלט אפילו נישט געוואוסט אז ער האט באקומען א טובה פונעם באשעפער אז ער איז געזונט, אבער אז ער זעהט נעבעך אז עס איז דא מענטשן וואס זענען קראנק, און ער איז געזונט אויף אלע זיינע רמ"ח אברים, דאנקט ער דעם אייבערשטען, אז דער באשעפער האט אים געגעבן געזונט. אזוי אויך ווען עס וואלט נישט געווען קיין ארימקייט אויף די וועלט, וואלט ער דען געשפירט א תענוג אין דעם וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן אז ער האט עשירות, אז ער האט ברייטקייט. ער וואלט נישט משיג געווען די טובה וואס דער באשעפער האט אים געגעבן. אבער אז ער זעהט אז עס איז דא עניות, פארשטייט ער די מעלה וואס דער אייבערשטער האט אים געגעבן, אז ער האט עס נישט.

**איך** בין היינט געפארן מיט א קאר, עס איז געווען א שבע ברכות אין בארא פארק, און עס איז געווען ביי א רויטע ליכט, ווי דער סדר איז, שטעלן זיך אראפ גוים מיט קאלטע סאדע, און מען טראגט אן צו קויפן. עס איז א ברענעדיגע היץ, און ער טראגט אן צו קויפן א סאדע. טראכט איך ביי מיר אזוי, דער גוי שטייט אין אזא היץ, און ער פארקויפט א סאדע. וויפיל וועט ער שוין פארדינען אויף די סאדע, א קוואדער אדער פופציג סענט, און ער שטייט אין אזא היץ. עס קומט ארויס פון זיך אליין ביי מיר א פליטת פה, געלויבט דער אייבערשטער אז איך בין קיינמאל נישט געווען אין אזא מצב! מען דאנקט דאך אייביג דעם אייבערשטען, אבער ווען מען זעהט מיט די אויגן, אז עס איז דא אמאל א מצב, וואס א מענטש איז אזוי נידריג, אז פאר א פאר סענט דארף ער שטיין, און עפעס פארקויפן, צו קענען לעבן, קומט ארויס די הודאה צום אייבערשטען מיטן גאנצן הארץ, רבונו של עולם וויפיל דארף איך דיר דאנקען, אז איך בין קיינמאל נישט געווען אין אזא מצב ווי דער גוי איז יעצט. - דאס איז דער יתרון האור מן החושך. ווען מען זעהט דאס נישט גוטע, הייבט מען אן צו פארשטיין די טובה וואס דער אייבערשטער טוט מיטן מענטש.

**ווען** א מענטש וואלט נישט געווען הונגעריג, נאר ער דארף עסן, וואלט ער נישט געשפירט די טובה וואס דער אייבערשטער גיט אים א מאכל צו עסן, ער ווייסט דאך נישט דעם טעם פון הונגער. אבער אז עס איז דא א טעם פון הונגער, פארשטייט ער די טובה פונעם עסן. ווען פאר א מענטש וואלט אייביג געגאנגען גוט, וואלט ער נישט פארשטאנען די טובה וואס דער באשעפער טוט מיט אים. אבער אז דער אייבערשטער גיט אמאל פארשידענע זמנים, אמאל איז מען געזונט, און אמאל איז מען נישט געזונט, אמאל האט מען ברייטער, און אמאל האט מען ווייניגער, דעמאלטס קען ער באמת דאנקען דעם אייבערשטען אויף די טובה און דעם חסד וואס דער באשעפער טוט מיט אים. - און דאס איז דער תכלית פון די בריאה, אזוי שטייט אין **רמב"ן** (סוף פ' בא), אז א מענטש איז באשאפן געווארן נאר צו דאנקען און לויבן דעם אייבערשטען, דאס איז דער תכלית פון די בריאה.

**ווען** מען דאנקט דעם באשעפער זאגט מען, 'בורא נפשות רבות', איך דאנק דיר רבונו של עולם אז דו האסט באשאפן נפשות רבות, און איך דאנק דיך אויך 'וחסרונן', אז א מענטש האט נישט אייביג אלעס וואס ער דארף. עס איז דא צייטן וואס עס פעלט

אים, און ער האט עס נישט. וואס איז די דאנק פארן חסרונן, עס וואלט דאך בעסער געווען עס זאל אייביג זיין אלעס. זאגט ער, ניין. ווייל דורכדעם וואס דו האסט באשאפן חסרונן, שפיר איך דעם טעם וואס דאס מיינט 'להחיות בהם נפש כל חי'. ווען ער האט נישט דעם חסרון, און דער אייבערשטער גיט אים וואס ער דארף האבן, שפירט ער נישט די חיות וואס דער אייבערשטער איז אים מחיה. און דעמאלטס ברוך חי העולמים, דעמאלטס דאנק איך דעם אייבערשטען. ווען עס וואלט נישט געווען קיין חסרונן, אלץ וואלט א מענטש געהאט אלעס וואס ער דארף צו האבן, וואלט געפעלט אין זיין הודאה צום אייבערשטען. אבער אזוי ווי ער האט צייטן וואס ער האט יא, און צייטן וואס ער האט נישט, דאס ברענגט ארויס, אז א מענטש זאל קענען דאנקן דעם אייבערשטען ווי עס דארף צו זיין.

**מען** גייט אריין אויף ארץ ישראל, דער באשעפער גיט אונז א ארץ טובה, און עס וועט זיין ניסים ונפלאות ווי אזוי מען וועט איינעמען ארץ ישראל. מען וועט קיינמאל נישט שפירן די טובה וואס דער באשעפער האט מיט אונז געטון, אז ער האט אונז אריינגעטראגן קיין ארץ ישראל. אז אונז האב מיר קיינמאל נישט פארשטאנען וואס די בני ענק זענען, און וואס פאר א שווערע פאלק דאס איז, א עם פון גיבורים, און דער באשעפער האט אונז איבערגעגעבן ארץ ישראל, וואלטן מיר עס נישט געשעצט, און אונז וואלט מיר נישט געקענט געהעריג דאנקען דעם אייבערשטען אויף די טובה וואס דער באשעפער האט אונז געגעבן דעם ארץ. האט משה רבינו געהאלטן, אז עס איז כדאי אריינצושיקן שפיאנען אויף ארץ ישראל, זיי זאלן זיך גוט אומקוקן, און זיי זאלן צוריק קומען און זאגן אז דאס איז א פאלק פון גיבורים, און דאס איז א פאלק וואס מיר זענען נמלים וחגבים אקעגן זיי, און ווען דער אייבערשטער וועט אונז אריינפירן דארט אויף ארץ ישראל, וועלן מיר מכיר זיין דעם חסד ה', די טובה וואס דער אייבערשטער האט מיט אונז געטון. ווייל א מענטש איז נישט מכיר דעם חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים, ביז ער האט נישט צייטן וואס עס פעלט אים, דעמאלטס קען ער דאנקען דעם אייבערשטען. כדי אונז זאל מיר קענען דאנקען דעם אייבערשטען, נודה לך ה' אלקינו על שהנחלת לאבותינו ארץ חמדה טובה ורחבה, וועלן מיר עס נאר וויסן, ווען אונז וועל מיר קודם זעהן די שוועריקייטן וואס עס איז דא דארט, דעמאלטס וועלן מיר וויסן די חסד וואס דער באשעפער האט געטון מיט אונז.

*

**די** זעלבע האט דער אייבערשטער געטון ביי א שידוך פון א מענטש. עס גייט אדורך יארן וואס עס איז לא טוב היות האדם לבדו. מען האט דאך נישט חתונה ווען מען ווערט געבוירן, און איינעם נעמט עס לענגער, און איינעם נעמט עס נאך לענגער. ווי לענגער עס נעמט פאר א מענטש צו טון א שידוך, פארשטייט ער נאכדעם מער דעם חסד וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים, ווען עס קומט אן. איינעם וואס עס גייט אים גרינג, ער ווערט קוים זיבעצן אכצן יאר, און מען טראגט אן א שידוך, און ער האט תיכף חתונה, ער שטעלט אויף א שטוב תיכף, און ווען ער גייט ארויס ארבעטן, טרעפט ער תיכף א גוטן דזשאב, דער איז קיינמאל נישט מכיר דעם חסד וואס דער אייבערשטער האט געטון מיט אים, ער ווייסט נישט די טובה וואס ער האט באקומען.

**ווען** עס גייט אבער אדורך צייטן וואס עס איז לא טוב היות האדם לבדו, און ער שפירט עס אויף זיך, ער ווערט עלטער מיט א יאר, און נאך עלטער מיט א יאר, ער הייבט זיך אן ארומצודרייען עלנד אליין, און נאכדעם טוט אים דער אייבערשטער צושיקן א שידוך, דאנקט ער דעם רבונו של עולם פאר דעם שידוך וואס דער באשעפער האט אים געשיקט. אז ער דארף זוכן פרנסה, און עס קומט אים נישט גרינג אן, און ער איז אדורכגעפאלן איינמאל און צוויי מאל און דריי מאל, און נאכדעם האט אים דער אייבערשטער געגעבן א גוטע פרנסה, דער דאנקט דעם אייבערשטען שטענדיג.

**די** סדר פון מענטשן איז דאך, אז ווען עס גייט שוין גוט, פארגעסט מען וואס עס איז געווען פאר דעם, און מען הערט אויף צו דאנקן דעם אייבערשטען אויף וואס עס איז געווען. מען זעהט אז די חכמים האבן מתקן געווען פסח, אז מען זאל דאנקען דעם אייבערשטען, און מען האט נישט געהייסן עסן נאר מצה וואס איז א זכר לחירות, נאר כורך פסח מצה ומרור ואוכלן ביחד (פסחים קטו.). ווען דו געבסט א דאנק פארן אייבערשטען, דו דערמאנסט זיך אינעם

חירות, דערמאן דיך אויך אין דעם מרור, דערמאן דיך אין דיינע שווערע צייטן. די חסרונן, דאס וואס עס פעלט פאר א מענטש, דאס גיט דעם כח פאר א מענטש, צו אנערקענען דעם חסד ה' וואס דער אייבערשטער טוט מיט אים. און אויף דעם דארף מען דאנקען דעם אייבערשטען, נישט נאר אויפן חסד וואס דער באשעפער האט געטון, נאר אויך אויף די חסרונן וואס האט געפעלט ביז דער אייבערשטער האט צוגעשיקט, דארף מען אויך דאנקען דעם אייבערשטען.

*

**משה** רבינו האט זיי געזאגט, וראיתם את הארץ מה הוא (במדבר יג-יח), גייטס אריין, און קוקטס וואס דער ארץ איז. עס קען זיין אז עס ליגט דערין א רמז. עס איז דא זייער א טייער ווארט פונעם **אוהב ישראל**, דער **אפטער רב זי"ע**, אין פרשת בראשית. דער אייבערשטער האט באשאפן די ערד, און דער באשעפער האט געזאגט, אז די ערד זאל ארויסגעבן עץ פרי עושה פרי (בראשית א-יא), שיהא טעם עצו ופריו שוה (ב"ר ה-ט), אז דער טעם פון די האלץ פונעם בוים, זאל האבן די זעלבע טעם ווי די פרי. און די ערד האט משנה געווען, און האט נאר ארויסגעגעבן עץ עושה פרי, אבער די האלץ האט נישט די זעלבע טעם ווי די פרי. ערד האט נישט קיין יצר הרע. אונז זינדיג מיר, ווייל אונז האב מיר א יצר הרע, אבער די ערד וויל נאר טון די רצון הבורא, יעדער דומם צומח און חי ווייסט נישט עפעס אנדערש נאר צו דאנקן דעם אייבערשטען, זיי טוען נישט קיין עבירות. ווי אזוי קען זיין, אז אין אנהייב פון די בריאה, האט די ערד משנה געווען, און געטון אנדערש ווי דער באשעפער האט געהייסן.

**זאגט** דער הייליגער אוהב ישראל, די ערד האט משיג געווען, אז פון איר גייט באשאפן ווערן דער מענטש. דער אייבערשטער וועט נעמען עפר מן האדמה (ב-יז), און פון דעם וועט ער באשאפן דעם מענטש. די ערד האט געוואוסט אז דער מענטש האט א יצר הרע, און ער וועט אדורכפאלן און זינדיגן פארן אייבערשטען, און ער וועט נישט האבן קיין תירוץ פארוואס ער האט געזינדיגט. דאס אז דער יצר הרע האט אים צוגערעדט, איז דאך נישט קיין תירוץ. איז געגאנגען די ערד, זי גייט טון א זאך וואס איז אקעגן דעם רצון פונעם אייבערשטען, און דורכדעם וואס זי וועט זינדיגן, איז דאך דער מענטש באשאפן געווארן שפעטער פון א זינדיגע ערד, וועט דער מענטש שטענדיג האבן א מליצת זכות פארן אייבערשטען, אז איך בין שוין באשאפן געווארן פון א זינדיגע ערד, הן בעון חוללתי, און וועגן דעם פאל איך אויך אדורך. - און דאס זאגט מען, אבינו מלכנו זכור כי עפר אנחנו, אונז שטאם מיר פון עפר. און דער עפר האט געזינדיגט נאך פאר אונז, זענען מיר שוין באשאפן געווארן מיט א חטא, ממילא זאל דער אייבערשטער דאס געדענקען, און ער זאל אונז מוחל זיין אויף וואס מען האט געזינדיגט.

**איך** האב אמאל געזאגט, אז דאס איז דער פשט וואס מען זעהט ביי אדם הראשון, נאכדעם וואס ער האט געזינדיגט, זאגט דער פסוק (בראשית ג-ח) ויתחבא האדם וגו' בתוך עץ הגן, ער האט זיך באהאלטן אינעם עץ הגן. מען האט שוין געהערט אזא זאך, אז אדם הראשון רעדט מיטן אייבערשטען, און ער גייט זיך באהאלטן. ער שפילט שפילעריי, דער אייבערשטער וועט אים טרעפן. וואס איז דער ויתחבא בתוך עץ הגן? נאר אדם הראשון האט נישט געהאט קיין פנים זיך צו שטעלן אקעגן דעם אייבערשטען. יציר כפיו של הקב"ה האט תיכף דעם ערשטן טאג געזינדיגט. וואו האט ער זיך באהאלטן? ער האט זיך באהאלטן אין די עץ הגן. קוק פון וואו איך בין באשאפן געווארן, די ערד האט משנה געווען ביים עץ הגן, אז עס זאל נישט זיין טעם עצו ופריו שוה. דארט האט ער זיך געקענט באהאלטן, אז איך קום פון א פלאץ וואו מען האט געזינדיגט.

**דער** לימוד מוסר השכל פון די ערד איז, אז די ערד האט אוועקגעגעבן פון זיך, פאר די טובה פון א צווייטן. די ערד וואלט געקענט זיין א שיינע ערד, מיט שיינע פירות, און שיינע ביימער, וואס מען קען נהנה זיין דערפון. און די בוים איז געבליבן א עץ סרק, עס האט נישט קיין טעם, עס איז נאר עושה פרי. ווייל די ערד האט געוואוסט, אז פון מיר גייט באשאפן ווערן דער מענטש, און איך וויל א טובה טון פאר א צווייטן, בין איך גרייט מוותר צו זיין פון מיין טובה, פאר א צווייטן. דאס איז וואס די ערד לערנט אונז.

**עס** שטייט אין **זוהר הק'** (ח"ג קנח.) אז די נשיאים האבן אפגערעדט פון אריין צו גיין קיין ארץ ישראל,

ווייל זיי האבן געמיינט טובת עצמם, ווען מען וועט אריין גיין וועלן זיי פארלירן די נשיאות. האט משה רבינו זיי געזאגט, עס קען זיין, אז עס וועט ענק איינפאלן, אז פאר ענק וועט זיין בעסער אז מען גייט נישט אריין קיין ארץ ישראל, אבער 'וראיתם את הארץ מה הוא', קוקטס דעם ארץ, 'ולקחתם מפרי הארץ', נעמטס ענק א לקח פון די פרי הארץ. די פרי הארץ האט מוותר געווען אויף זיין טובה, און ער איז געווען גרייט צו בלייבן א שטיק האלץ, כדי א טובה צו טון פאר א צווייטן. קען זיין אז פאר ענק וועט נישט זיין גוט אז עטץ קומטס אריין קיין ארץ ישראל, אבער פאר כלל ישראל וועט עס זיין גוט. לערנטס ענק אראפ מפרי הארץ, אז א מענטש דארף מוותר זיין פון זיך פאר א צווייטן. - קומט אויס, אז מיט דעם וואס מען איז באשאפן געווארן עפר מן האדמה, האט דער מענטש די כח אז ער קען זיך בייגן פאר א צווייטן. ער קומט פון די אדמה, און די אדמה האט אוועקגעגעבן פון זיך פאר א צווייטן, ליגט אינעם מענטש דער כח פון די אדמה פון וואס ער איז באשאפן געווארן.

*

**ווען** קומט אויס אז א מענטש זאל דארפן מוותר זיין פאר א צווייטן? דאס הייבט זיך אן ווען מען האט חתונה. צוויי פרעמדע מענטשן וואוינען צוזאמען, און כשם שאין פרצופותיהם שוות כך אין דיעותיהם שוות. אינעם לעבן פונעם מענטש גייט אדורך אסאך זמנים, גרינגע זמנים, און שווערע זמנים, און נישט אייביג איז מען אויף איין דיעה. איינער וויל אזוי, איינער וויל אנדערש, און מען דארף זיך קענען אויסקומען. האט דער אייבערשטער באשאפן דעם מענטש עפר מן האדמה, ער זאל האבן אין זיך דעם כח, אז אזוי ווי די אדמה האט זיך געבויגען, זאלסטו זיך אויך קענען בייגן. - מען האט א נאמען געגעבן דעם מענטש 'אדם', ווייל ער קומט מן האדמה, כדי דו זאלסט וויסן אז דו קומסט פון די אדמה, און די אדמה האט אין זיך די מעלה אז עס האט מוותר געווען פאר א צווייטן, לערן דיך אראפ דערפון, אז אזוי זאלסטו זיין שפעטער.

**און** דאס איז דער אהבה ואחוה ושלום וריעות וואס איז דא אין א יודישע שטוב. ווילאנג מען האט זיך נישט צוגעוואוינט צו די מדה, אז איך בין מוותר פון מיר, אויב איך קען א טובה טון פאר א צווייטן, א טובה טון פאר די בני בית, פעלט אין שלום בית. נאר ווען עס אינטערעסירט מיך נישט מיין טובה, איך בין מוותר אויף מיין טובה ארויסהעלפן אין שטוב, דעמאלטס איז דא אהבה ואחוה. די זעלבע איז מיט איר, זי איז אויך באשאפן געווארן עפר מן האדמה, זי דארף אויך קענען די מדה אז זי דארף מוותר זיין פון זיך פאר א צווייטן. און וועןביידע טוען זיך באנוצען מיט די מדה פון אדם, איינער איז מוותר פארן צווייטן, דעמאלטס ווערט אויפגעשטעלט א שיינע יודישע שטוב.

**ווי** לאנג עס איז נישט געווען זכר ונקבה בראם, ווי לאנג אדם הראשון האט נישט געהאט חוה וואס ער האט זיך געדארפט אדורכקומען מיט איר, האט ער נאך נישט געהייסן 'אדם', עס איז נאך נישט געווען ביי אים די מעלה וואס 'אדם' לערנט אונז, אז דו ביסט עפר מן האדמה, און דו זאלסטו זיך בייגן פאר א צווייטן. אבער ווען עס איז זכר ונקבה בראם, צוויי פרעמדע מענטשן דארפן לעבן אונטער איין דאך, און מען דארף זיך צוגעוואוינען איינער צום צווייטן. די וועלט זאגט, דער פויער לעבט אזוי לאנג מיט די פויער'טע, ביז זיי קומען אויף איין דיעה. אבער אסאך מאל נעמט עס זייער לאנג ביז מען קומט אויף איין דיעה, און ביז דעמאלטס גייט מען אדורך שבעה מדורי גיהנם. די חשיבות פון א יודישן זיווג איז, אז תיכף ווען מען הייבט אן, פון א טאג נאך די חתונה אן, דארף מען לעבן מיט דעם שטענדיג, איך בין מן האדמה, די אדמה האט מוותר געווען פון זיך, כדי עס זאל זיין א טובה פאר א צווייטן. אז מען לעבט מיט דעם, דעמאלטס שטעלט מען אויף א ערליכע שטוב. ווען עס איז זכר ונקבה בראם, דעמאלטס איז ויקרא שמם אדם, יעצט זאגט דער אייבערשטער, גייט עטץ זיין אדם. יעצט וועט עטץ ארבעטן יעדער אויף זיך, ער זאל קענען ארויסנעמען דעם חלק פון די אדמה, אז ער זאל זיך קענען בייגן פאר א צווייטן.

**ב"ה** דער חשוב'ער חתן, איך קען אים אזויפיל יארן, פון די יארן וואס ער איז שוין געקומען לכלל דעת, יארן געלערנט צוזאמען אין ישיבה, איך בין מיטגעוואקסן צוזאמען מיט אים די גאנצע צייט. זיין עול תורה וואס ער האט פלייסיג געלערנט אלע יארן. ב"ה איך האב אים מסמיך געווען בהוראה די וואך, ער האט זיך פארהערט גאנץ יורה דעה ח"א. אבער דאס איז דער קלענער חלק פון די מעלות פון

א בחור. די מעלות זענען מדות טובות, קענען מוותר זיין פאר א צווייטן, ווייל אין דעם איז תלוי דער גאנצער מענטש. אויב דאס פעלט, פעלט אלעס. און אז מען האט דאס, האט מען אלעס. ער האט געארבעט אויף זיך אויף זיינע מידות, ארויסצוברענגען זיין ווארימקייט, זיין גוטסקייט, אוועקצוגעבן פון זיך פאר א צווייטן. און דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, אין מזווגין לו לאדם אשה אלא לפי מעשיו (סוטה ב.), דער באשעפער האט אים צוגעשיקט א זיווג וואס קומט פון אזא חשובע שטוב, פונעם חשוב'ן מחותן וואס אלע קענען אים וואס לעבט נישט פאר זיך, די גאנצע שטוב לעבט נאר פאר א צווייטן, עס איז ענבי הגפן בענבי הגפן דבר נאה ומתקבל.

**וויל** איך נאר וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל געבן, אז דער זיווג זאל עולה יפה זיין, זיי זאלן קענען אויפשטעלן א בית נאמן בישראל. איך וויל ווינטשן פארן חשוב'ן זיידן פון ארץ ישראל, וואס האט זיך מטריח געווען און געקומען צו די חתונה, עוד ינובון בשיבה דשנים ורעננים יהיו, קענען ווייטער מרחיב זיין די גבולי קדושה, מתוך נחת און הרחבת הדעת. איך האב געהאט דעם שבת א עונג שבת, ווען מען איז געזעסן אזויפיל שעות צוזאמען, און מען האט פארברענגט דעם שבת, זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער משפיע זיין פאר אלע יודען. - דער חשוב'ער זיידע, דער דעעש'ער רבי, דער אייבערשטער זאל אים געבן אי"ה אריכת ימים ושנים, זעהן אסאך שמחות און נחת ביי אונז אלע, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצוות. דער ראדאמישלער רב, דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך מען זאל קענען מרביץ תורה זיין, עס זאל אלעס אנקומען גרינגערהייט.

**פארן** גאנצן ציבור וויל איך וואונטשן, אז דער אייבערשטער זאל ענק געבן ביידע בחינות, מען זאל שטענדיג געדענקען צו דאנקען דעם אייבערשטען. זיך נישט אפרעדן אויף קיין וחסרונן, וויסן אז דער וחסרונן איז נאר א שטאפל כדי מען זאל קענען צוקומען שפעטער מער צו דאנקען דעם באשעפער. ווען מען האט נישט די חסרונן, שפירט מען נישט דעם תענוג שפעטער, ווען דער אייבערשטער העלפט. אז מען האט די חסרונן, טוט עס צוברענגען אז נאכדעם זאל מען קענען אמת'דיג אפגעבן א שבח והודאה פארן באשעפער. דער אייבערשטער זאל ענק געבן, אז עטץ זאלטס זעהן שמחות און נחת ביי ענקערע קינדער, בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות, און מיר זאלן זוכה זיין, כמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

***יום שני פרשת קרח***

בשעות אחר הצהרים התקיימה סעודת שבע ברכות מיוחדת על ידי תלמידי ישיבתינו הק', שנערך ברוב פאר בהיכל בית מדרשנו, כשבראש המסובין יושב בהדרו, רועה הנאמן, מאורם ומדריכם **כ"ק מרן אדמו"ר שליט"א**, ולידו רמ"י הישיבה רבנן ותלמידהון.

אחר נטילת ידים וברכת המוציא ערך **רבינו שליט"א** סיום על מסכת מועד קטן (שלמד במסגרת חבורת 'ובהם נהגה') ואמר הקדיש. אחר כך נשמעו דברים על ידי **הרה"ג רבי אלימלך שפיצער שליט"א** (מנהל ישיבה גדולה), **הרה"ג רבי פישל לעווי שליט"א** (מנהל ישיבה קטנה), המחותן **הרה"ג רבי יהושע העשיל היילפרין שליט"א**, שהשמיע לתלמידי הישיבה דברי הדרכה, והסביר לפניהם סדר השחיטה, ומצות נתינת מתנות כהונה, זרוע לחיים והקיבה, ומסרה לחתנו החדש החתן הכהן שליט"א. - בסעודת השבע ברכות השתתף **כ"ק האדמו"ר מפאפא שליט"א**, שרקד עם החתן והמחותנים, ובריקוד מיוחד עם **רבינו שליט"א**.

אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש. בסיום הדברות הקודש נשמעו דברי בדחנות מאת הר"ר **יוסף חיים ראטענשטרייך** הי"ו, והמשיכו בריקודין בעת נעילת שערי השמחה.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**געלויבט** דער אייבערשטער, מען האלט יעצט ביי נעילת החג פון די שבעת ימי המשתה. מען זיצט צוזאמען מיט די תלמידי הישיבה, מרקד אתלת, סיי דער חתן, און דער אבי החתן, און דער זיידע פונעם חתן, זענען צוזאמען אויפגעוואקסן אינאיינעם, יארן האט מען געלערנט אין ישיבה אינאיינעם. זאל דער אייבערשטער העלפן, עס זאל נמשך ווערן פון די שמחה אסאך שמחות, לאורך ימים ושנים טובים, עד מאה ועשרים שנה.

**מען** ווייסט אז יעדן טאג פון די שבעת ימי המשתה, ווען עס איז דא א סעודה, דארף מען מאכן זיבן ברכות. די ברכות הייבן זיך אן מיט יוצר האדם (כתובות ח.). מען דאנקט דעם אייבערשטען, אז ער האט באשאפן דעם מענטש. אלע שטעלן זיך דערויף, ווי קומט אהער יעצט די ברכה פון יוצר האדם? - און מען דארף אויך פארשטיין די עצם ברכה, די גמרא (עירובין יג:) זאגט דאך אז עס איז געווען א מחלוקת צו נוח לאדם שנברא צו נוח שלא נברא, נמנו וגמרו, מען האט גומר געווען, אז נוח שלא נברא משנברא, עס איז בעסער אז דער אייבערשטער וואלט אינגאנצען נישט באשאפן דעם מענטש. אויב אזוי, ווי אזוי מאכט מען א ברכה ברוך אתה ה', מען דאנקט דעם אייבערשטען, יוצר האדם, עס וואלט דאך בעסער געווען ווען מען גייט נישט אדורך די נסיונות פון די וועלט, און דער אייבערשטער וואלט אים אינגאנצען נישט באשאפן.

**נאכדעם** זאגט מען די ברכה, שמח תשמח רעים האהובים, דער באשעפער זאל משמח זיין די פאר פאלק, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם, אזוי ווי דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון, ווען ער איז געווען אין גן עדן, מקדם. דער פשוט'ער פשט פון 'מקדם' איז, אז אין פסוק (בראשית ב-ח) שטייט, אז אדם הראשון איז געווען במזרחו פון גן עדן. קדם ווערט אנגערופן מזרח, דער אייבערשטער האט משמח געווען אדם הראשון אין גן עדן, מקדם. פארוואס מוז ער געבן פונקטליך די אדרעס וואו אדם הראשון איז געווען, צו ער איז געווען מקדם, צו אויף דרום, צו אויף צפון? וואס איז דער נוסח הברכה, כשמחך יצירך בגן עדן מקדם.

*

**מען** האט יעצט מסיים געווען מסכת מועד קטן, די גמרא (מועד קטן כט.) ענדיגט, תלמידי חכמים אין להם מנוחה לא בעולם הזה ולא בעולם הבא, א תלמיד חכם האט נישט קיין מנוחה נישט אויף די וועלט, און נישט אויף יענע וועלט, שנאמר (תהלים פד-ח) ילכו מחיל אל חיל, יראה אל אלקים בציון. וואס מיינט דאס אז א תלמיד חכם האט נישט קיין מנוחה בעולם הזה און אויך בעולם הבא. וואס פעלט אים מנוחה אויף די וועלט? דער פשוטער פשט איז, אז ער איז פארנומען שטענדיג, ער האט נישט קיין צייט זיך אראפצולייגן אויפן ריקליינער, און זיצן און רילעקס'ן, ער איז פארנומען, ער לערנט, ער טוט מצות און מעשים טובים. ער קומט נישט אן אינעם טאג ער זאל קענען טון וואס מען וואלט אלץ געוואלט, ער האט נישט קיין מנוחה. דאס איז אויף די וועלט, אבער אין עולם הבא האט ער דאך מנוחה. מען רופט דאך אן די לשון אין די גמרא (שם כה.) ווען מען גייט אוועק פון די וועלט, כי נח נפשיה, דאס איז די מנוחה ווען מען קומט אן לעולם הבא. און דא זאגט מען אז ער האט אויך נישט קיין מנוחה בעולם הבא.

**און** א תלמיד חכם האט נישט קיין מנוחה בעולם הזה? אין פסוק (בראשית מט-טו) שטייט אויף יששכר, וירא מנוחה כי טוב, ער האט געזעהן אז מנוחה איז גוט, ויט שכמו לסבול, האט ער געגומען אויף זיך עול תורה. א תלמיד חכם האט די מערסטע מנוחה אויף די וועלט. יעדער מענטש גייט אדורך שווערע זמנים אינעם לעבן, ווען עס איז א זמן פון א צרה וכדומה, און ער קען זיך נישט קיין עצה געבן. אבער א תלמיד חכם האט א גמרא. אין די שווערסטע צייטן וואס ער האט, נעמט ער עס אפיר, און ער איז זיך מעמיק אין תורה, און ער פארגעסט פון אלעם ארום און ארום. די תורה איז פקודי ה' ישרים משמחי לב (תהלים יט-ט), די תורה גיט אים מנוחה. די גרעסטע מנוחה איז, אז מען זיצט און מען לערנט. מען טוט זיך אויסשאלטערן פון די וועלט, און מען קען זיצן שעות רצופות און ליגן אין תורה. פארוואס זאגט מען אז א תלמיד חכם האט נישט קיין מנוחה בעולם הזה.

**נאר** דער פשט איז, מען געפונט אין רש"י (בראשית לב-ח), ויירא יעקב מאד ויצר לו, שמא יגרום החטא (ברכות ד.). א תלמיד חכם איז קיינמאל נישט צופרידן מיט וויפיל ער איז אנגעקומען. אלץ איז ער זיך חושד אז ער האט נאך נישט גענוג געדינט דעם אייבערשטען, ער האט נישט גענוג אויסגענוצט די צייט צו לימוד התורה און צו עבודת ה'. און וואס ער טוט איז מלא פניות, ער מיינט נישט נאר דעם אייבערשטען אליין, עס איז נישט בלתי לה' לבדו. עס פעלט אים רוהיגקייט בעולם הזה, ווייל א גאנץ לעבן איז ער אנגעצויגן אז זיין עבודת ה' איז נישט גענוג. האט ער דאך נישט קיין מנוחה בעולם הזה.

**פארוואס** האט ער נישט קיין מנוחה בעולם הבא. ווען ער קומט אויף יענע וועלט, זעהט ער דאך שוין

אז ער האט אויפגעטון. עס שטייט אין מדרש (ב"ר סב-ב) אז רבי אבהו איז אוועק און מען האט איm געוויזן זיין חלק בעולם הבא, האט ער געזאגט אלין לאבהו, דאס אלעס געהער פאר מיר, ואני אמרתי לריק יגעתי (ישעיה מט-ד), איך האב געמיינט איך האב מיך געפלאגט אומזיסט, און יעצט זעה איך מיין גרויסען שכר. איז ווען ער קומט אויף יענע וועלט, דארף ער דאך האבן מנוחה.

**מען** האט אבער נישט קיין מנוחה אויף יענע וועלט אויך נישט. די גמרא (בבא בתרא עה.) זאגט, אז לעתיד וועט דער אייבערשטער געבן פאר יעדן צדיק שבע חופות. אין די מפרשים שטייט, אזוי ווי עס איז דא שבעה מדורי גיהנם פאר רשעים, איז דא שבע חופות פאר צדיקים. - עס קען זיין, אז וועגן דעם מאכט מען פאר א חתן שבעת ימי המשתה, שבעת ימי החופה, ער הייבט דאך יעצט אן זיין לעבן, זיך אריינצולייגן אין תורה און עבודת ה'. ער זאל געדענקן שטענדיג, אז דער ציל פון א מענטש איז, אדער האט מען שפעטער שבע חופות, אדער האט מען שבע מדורי גיהנם. ער קען זיך אויסקלויבן די צוויי שבע'ס וואס ער וויל.

**זאגט** די גמרא אז א צדיק וועט האבן אויף יענע וועלט זיבן חופות. און ער ברענגט דערויף א פסוק (ישעיה ד-ה) וברא ה' על כל מכון הר ציון ועל מקראיה, ענן יומם ועשן ונוגה ואש וכו'. פרעגט די גמרא, ואש בחופה למה, ווי קומט אהין פייער צו די חופה? זאגט די גמרא, מלמד שכל צדיק נכוה מחופתו של חבירו, ער וועט ווערן אפגעבריהט פון יענעם'ס חופה. נישט יעדער באקומט די זעלבע חופה לעתיד, ווי ערליכער מען איז געווען, ווי מער מען האט געדינט דעם אייבערשטן, איז זיין חופה א גרעסערע חופה. און וואס ווייניגער ער האט געדינט דעם אייבערשטען באקומט א קלענערע חופה. און דער צדיק אפילו ער איז אין גן עדן, און ער האט זיין חופה, ווען ער וועט אנקוקן דעם חבר'ס חופה, אז דער חבר איז צוגעקומען צו א גרעסערע מדריגה פון אים, וועט עס אים ווי טון, ער וועט ווערן אפגעבריהט מחופתו של חבירו, פון יענעם'ס חופה, עס וועט זיין אש אין די חופה. ער וועט נישט האבן קיין מנוחה דארט אויך נישט, עס וועט אים שטענדיג קרענקען פארוואס ער איז נישט צוגעקומען צו וואס ער האט געקענט צוקומען. דער מחותן האט פריער געזאגט, מען דארף נישט איבערלאזן די טעג, און נישט זיין נאריש, מען דארף האבן דעם שכל יעצט, נישט שפעטער זאל מען חרטה האבן אויף וואס מען האט געהאט.

**און** ער וועט נישט ווערן אפגעבריהט פון די חופה פון א גרעסערן צדיק פון אים, ער וועט זיך אפבריען פון חופת 'חבירו', פון די חופה פון זיין חבר וואס ער איז געזעסן מיט אים צוזאמען אין ישיבה אויף איין באנק, און ער האט געהאט פונקט אזא גוטן קאפ ווי דער חבר, און נאך א בעסערן קאפ פון יענעם, און לעתיד וועט ער זיך נאכאמאל טרעפן מיט דעם חבר אין עולם הבא, און דער שוואכער חבר האט זוכה געווען צו באקומען א שיינע חופה, און ער וועט זיצן דארטן אין א קלענערע חופה. דאס איז נכוה מחופתו של חבירו, ער וועט ווערן אפגעבריהט פונעם חופה פונעם חבר. עס וועט אים ווי טון, איך האב אויך געקענט צוקומען צו דעם וואס יענער איז צוגעקומען. אבער דארט קען מען שוין נישט טוישן, דאס בלייבט שוין נצחיות, עס וועט זיך נישט אויפהערן קיינמאל, עס איז נישט א זאך וואס גייט אדורך, עס וועט זיין אש בחופה.

**קומט** אויס, אז צדיקים האבן נישט קיין מנוחה בעולם הזה, ווייל זיי ווייסן דאך נישט וואו זיי שטייען אין עבודת ה', האבן זיי נישט קיין רוהיגקייט. און זיי האבן נישט קיין מנוחה לעולם הבא, אפילו ער וועט שוין זוכה זיין צו זיין מדריגה, צו זיין חופה דארטן, אבער ער וועט שטענדיג אנקוקן די חופה פונעם חבר, וועט ער אויך נישט האבן קיין רוהיגקייט, פארוואס ער איז נישט צוגעקומען צו די העכערע מדריגה וואס דער חבר האט זוכה געווען.

**איך** מיין אבער אז עס איז דא א עצה דערויף, אז מען זאל נישט ווערן אפגעבריהט מחופתו של חבירו. ווען א יוד געוואוינט זיך ביים לעבן צו האבן א עין טוב אויפן חבר, פארגינען פאר יענעם, עס זאל אים נישט ווי טון אז יענער האט מער פון אים, ער זאל פארגינען. יענער האט מער, האט ער מער, ער זאל עס נוצן געזונטערהייט. עס איז נישט דא די קנאת איש מרעהו, ער טוט עס ארויסווארצלען פון זיך בשעת ער לעבט, ער האט א עין טובה אויף יענעם, איז מעגליך אז ער וועט נישט זיין קיין נכוה מחופתו של

חבירו. דער חבר האט מער, ער פארגינט אים מיטן גאנצן הארץ ער זאל האבן מער. דאס וועט אים ברענגען די רוהיגקייט ער זאל קענען האבן מנוחה.

*

**נמנו** וגמרו נוח שלא נברא משנברא. מען האט גומר געווען, אז עס איז בעסער ווען דער אייבערשטער וואלט נישט באשאפן דעם מענטש. און עס איז א געוואלדיגער פלא, קודם למאי נפקא מינה, וואס איז א נפקא מינה צו נוח שנברא צו נוח שלא נברא, דו ביסט דאך נברא, וואס איז א נפקא מינה צו עס איז יא גוט צו נישט גוט, וואס קריגט מען זיך דא. און נאכדעם, נמנו וגמרו נוח שלא נברא, דער אייבערשטער האט באשאפן א וועלט שלעכטס צו טון פאר מענטשן? דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט להטיב לבריותיו, מאתו לא תצא הרעות (איכה ג-לח), פונעם אייבערשטען איז נישט דא קיין שלעכטס. אז דער אייבערשטער האט סוף כל סוף באשאפן דעם מענטש, איז א סימן אז עס איז יא גוט, ווי אזוי קענען מיר אפ'פסק'נען אויף די וועלט און זאגן, אז עס איז נוח שלא נברא, עס איז בעסער ווען מען וואלט נישט באשאפן געווארן, אנדערש ווי דער אייבערשטער האט אפגע'פסק'נט אז עס איז נוח שנברא. אז עס זאל זיין נוח שלא נברא, וואלט דאך דער אייבערשטער נישט באשאפן.

**איך** האב געטראכט, אז דער פשט דערפון קען זיין, אז מען קריגט זיך אין שכל, לויט אונזער מענטשליכער דעת, וואס וואלט געווען בעסער. ווען דער אייבערשטער זאל פרעגן דעם מענטש, נעשה אדם, זאל מען באשאפן דעם מענטש צו נישט, וואס וואלטן מיר געדארפט ענטפערן דערויף. צו נוח שנברא, מען זאל יא באשאפן דעם מענטש, צו אונז זאל מיר ענטפערן פארן אייבערשטען, אז עס איז נוח שלא נברא, עס איז בעסער נישט באשאפן צו ווערן. און נמנו וגמרו, אז אונזער דעת זאגט, אז עס איז נוח שלא נברא, עס איז בעסער אז מען וואלט אונז נישט באשאפן. אבער אז אונז זעה מיר אז דער אייבערשטער האט יא באשאפן דעם מענטש, לערנט עס אונז, אז אונזער דעת איז גארנישט! אונזער דעת האט נישט קיין שום ווערד אקעגן דעם דעת פונעם אייבערשטען. ווייל אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, מוז דאך זיין אז עס איז נוח שנברא, מוז דאך זיין אז עס איז גוט, ווייל אז נישט, וואלט דאך דער אייבערשטער נישט באשאפן דעם מענטש. אונזער דעת זאגט, אז עס איז נוח שלא נברא משנברא. און עס קען דאך נישט זיין אמת אונזער דעת, ווייל עס קען דאך נישט זיין אנדערש ווי דער אייבערשטער האט געטון. דאס וועט אונז ברענגען צו מכיר זיין, ווי ווייט אונזער שכל איז גארנישט. ווי ווייט א מענטש קען זיך נישט פארלאזן אויף זיין דעת, און זאגן אז ער האט די ריכטיגע דעת, ווייל ער זעהט דאך אז דער אייבערשטער האלט אנדערש ווי זיין דעת.

**פונקט** ווי א בהמה קען נישט פארשטיין דעם דעת פון א אדם, עס איז נישט מעגליך א בהמה זאל קענען פארשטיין וואס דער בעל הבית וויל פון אים, פארוואס דער בעל הבית שלעפט פעקלעך, פארוואס ער גייט מיט א אקער אייזן צו אקערן וכדומה, ער פארשטייט איבערהויפט נישט די גאנצע מציאות, ער האט נאר נישט קיין ברירה, ער טוט וואס דער בעל הבית הייסט אים, אבער אין דעת האט ער נישט קיין שכל. א קינד קען נישט פארשטיין וואס עלטערן ווילן פון אים, ער איז דאך א קינד, מען קען עס אים אפילו נישט מסביר זיין, ווייל ער איז דאך א קינד. אסאך און אסאך מער איז דער דיפערענץ צווישן א מענטש'נס דעת און דעם אייבערשטען'ס דעת. אונזער דעת איז בטל ומבוטל אקעגן דעם דעת פונעם אייבערשטען! כי לא מחשבותי מחשבותיכם, ולא דרכיכם דרכי, כי גבהו שמים מארץ, כן גבהו דרכי מדרכיכם (ישעיה נה-ח), עס איז א מרחק פון שמים וארץ, פון דעם דעת פונעם אייבערשטען, צו אונזער דעת.

**למאי** נפקא מינה, דער דיפערענץ צווישן אונזער דעת, און דעם דעת פונעם אייבערשטען. ווען א מענטש לעבט מיט דעם, און ער ווייסט אז זיין דעת איז גארנישט, דער דעת פונעם אייבערשטען דאס איז דער ריכטיגער דעת, האט ער נישט קיין קשיא אויף קיין שום זאך אין די בריאה, פארוואס עס איז אים אזוי, פארוואס גייט ער אדורך די שוועריקייט, פארוואס דער חבר האט יא און ער נישט. עס ווענדט זיך נישט אין דיין דעת! וואס דו מיינסט אז עס איז נישט גוט, קען זיין דאס איז דיין טובה. און וואס דו מיינסט אז עס איז יא גוט, קען זיין דאס איז דיין רעה, אלקים הבין דרכה (איוב כח-כג), דער אייבערשטער פארשטייט דעם ריכטיגן וועג פונעם

מענטש. וואס דער אייבערשטער איז מזמין פאר א מענטש, דאס איז די בעסטע פאר אים, דעם וועג וואו איך האב דיך אראפגעלייגט אויף דער וועלט, דאס איז דיין תפקיד, אויף דעם וועג זאלסטו דינען דעם אייבערשטען, און קוק נישט וואס דער חבר האט, עס זאל דיך נישט אינטערעסירן פארוואס דער צווייטער איז אנדערש, אלץ נאר קוקן אויף זיך אליין, דאס איז מיין מצב, דער אייבערשטער ווייסט צום בעסטן וואס איז גוט פאר מיר, איך גיי טון אלעס וואס איך קען טון אין מיין חלק לעבן וואס דער באשעפער האט מיר געגעבן.

**די** בית שמאי און די בית הלל האבן מחולק געווען צו עס איז נוח שנברא, צו נישט. און נמנו וגמרו אז די שכל פון א מענטש זאגט, אז נוח שלא נברא משנברא, עס איז בעסער אז נישט. 'ועכשיו שנברא', און אז דער אייבערשטער האט אים יא באשאפן, מוז דאך על כרחך זיין אז דיין דעת איז גארנישט, און דעם אייבערשטען'ס דעת דאס איז דער עיקר, 'יפשפש במעשיו', דעם געדאנק זאלסטו אריינלייגן אין אלע דיינע מעשים, אז דאס וואס דו זעהסט אז דער אייבערשטער האט דיך באשאפן, און לויט דיין דעת איז דאס נישט גוט, נוח שלא נברא, און דער אייבערשטער זאגט אז עס איז נוח שנברא, איז דאך א סימן אז דיין דעת איז נישט אויסגעהאלטן. אז דו וועסט שטענדיג נוצן דעם געדאנק אין אלע דיינע מעשים, אז אונזער דעת ווערט בטל פארן דעת פונעם אייבערשטען, דאס וועט דיר העלפן אין אלע דיינע מצבים וואס דו וועסט דארפן אדורכגיין.

*

**מען** געפונט ביים חטא פון עץ הדעת, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז עס איז דא אן עץ וואס גיט דעת, ומעץ הדעת טוב ורע לא תאכל ממנו (בראשית ב-יז), דו טארסט נישט עסן פון דעם עץ הדעת. און ער האט יא געוואלט עסן פונעם עץ הדעת, דער נחש האט מכשיל געווען חוה, און אדם און חוה האבן געגעסן פונעם עץ הדעת. פאר עסן פונעם עץ הדעת טוב ורע, איז אדם הראשון, יציר כפיו של הקב"ה, געווען נכנע אונטערן אייבערשטען, ער האט נישט געהאט קיין אייגענעם דעת, א אייגענעם מיינונג. ונחנו מה, עס איז גארנישט וואס ער טראכט. נאר וואס דער אייבערשטער ווייסט אז עס איז גוט, דאס איז גוט, און וואס דער אייבערשטער טוט נישט, איז א סימן אז ער דארף עס נישט האבן. ער האט נישט מכריע געווען מיט זיין אייגענעם השגה, וואס איז טוב, און וואס איז רעה.

**דער** עץ הדעת האט אריינגעגעבן א כח היצר פארן מענטש, אז ער איז געווארן זעלבסטשטענדיג. ער ווייסט וואס איז טוב, און ער ווייסט וואס איז רע. - ער מיינט על כל פנים, אז ער ווייסט. - ער האט אויך א דעת אויף יעדע זאך, צו דאס איז טוב צו דאס איז רע. און דאס איז נישט געווען פאר חטא עץ הדעת. עס איז נישט געווען אינעם מענטש אז ער זאל טראכטן און מחליט זיין אויף א געוויסע זאך, צו עס איז טוב צו נישט, ער האט זיך סומך געווען אויפן אייבערשטען. ער האט געוואוסט אז אויב דער אייבערשטער טוט אזוי, איז עס טוב, און אז נישט, איז עס רע. דער עץ הדעת טוב ורע האט אריינגעברענגט אין אים א דעת, אז ער זאל אפשאצן יעדע זאך לויט זיין מיינונג, יא גוט, צו נישט גוט. און אויף דעם איז נמנו וגמרו נוח שלא נברא, אויסצולערנען דעם מענטש, כאטש דו פארשטייסט מיט דיין דעת אז עס איז נוח שלא נברא, דו זעהסט דאך אבער אז דער אייבערשטער האט דיך יא באשאפן, און אז דער אייבערשטער האט דיך באשאפן מוז דאך זיין אז עס איז גוט, וועסטו וויסן פון דעם, זיך נישט צו פארלאזן אויפן אייגענעם דעת.

*

**מען** האט חתונה, און מען הייבט אן דאס לעבן, מען גייט ארויס אין א נייע וועלט אויסער אהלה של תורה, עס איז שוין דא רחיים על צווארו, מען דארף פרנסה, מגדל זיין קינדער, און אויפשטעלן א שטוב ווי דער סדר איז. אין לעבן פונעם מענטש גייט דאך אדורך פארשידענס, און מען דארף זיך אפלערנען פון יצירת האדם, קוק נישט אויף דיין דעת. נישט וואס דו מיינסט אז עס איז גוט, איז גוט, און וואס דו מיינסט אז עס איז נישט גוט, איז נישט גוט. פארלאז דיך אויפן דעת פונעם אייבערשטען, וואס דער אייבערשטער פירט דיר צו, זאלסטו אייביג זאגן אז עס איז גוט, און וואס דער אייבערשטער האט דיר נישט געגעבן, זאלסטו אויך זאגן אז עס איז גוט, עס איז נישטא קיין רע. אז דער אייבערשטער האט עס געטון, איז א סימן אז דאס איז די בעסטע פארן מענטש.

**ווען** א מענטש לעבט מיט דעם, דעמאלטס האט ער די ריכטיגע מנוחה, די ריכטיגע רוהיגקייט, עס שטערט אים נישט קיין שום זאך אויף דער וועלט, השלך על ה' יהבך והוא יכלכלך (תהלים נה-כג). איז עס א גוטער מצב, איז אוודאי גוט, און אז עס איז נישט קיין גוטער מצב, איז אויך גוט, ווייל אז דער אייבערשטער האט עס צוגעפירט, איז דא א חשבון אויבן אין הימל אז עס איז גוט. איי איך פארשטיי נישט, יצירת האדם פארשטייסטו דאך אויך נישט, דו מיינסט דאך אויך אז עס איז נישט גוט, און דער אייבערשטער זאגט אז עס איז יא גוט, איז דאך א סימן אז דו קענסט דיך נישט פארלאזן אויף דיין דעת.

**ביי** די שבע ברכות, ווען מען האט חתונה, זאגט מען ברוך אתה ה', איך דאנק דעם אייבערשטען, יוצר האדם, עס קומט זיך א ברכה אויף בריאת האדם. ווייל אז דער אייבערשטער האט דיך באשאפן, איז א סימן אז דאס איז דער טוב. פארוואס מאכסטו יעצט די ברכה פון יוצר האדם, כדי דו זאלסט דיך מתבונן זיין, אז סוף כל סוף דאנקסטו דעם אייבערשטען אויף יצירת האדם, וואס איז העכער פון דיין שכל, ווייל דיין שכל זאגט דאך, אז עס איז נוח שלא נברא, און פון דעסטוועגן דאך ביסטו מברך דעם אייבערשטען וואס האט דיר באשאפן, ווייל דעם אייבערשטען'ס דעת איז דער ריכטיגער דעת, כי לא מחשבותי מחשבותיכם. דאס איז די התחלה צו די שמחה וואס א מענטש זאל קענען האבן שפעטער אין זיין גאנץ לעבן נאכדעם געדענקן, די נקודה פון יוצר האדם, אז דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש, און ער האט געזאגט, אז עס איז גוט. כאטש אונז פארשטיי מיר אז עס איז נישט גוט, איז עס נאך אלץ גוט.

**און** מען בעהט, שמחה תשמח רעים האהובים. יעדער מענטש גייט דאך אדורך א לעבן, זה בכה וזה בכה, מען האט צייטן וואס עס איז באמת פריילך, און צייטן וואס מען דארף זוכן פריילעכקייט. 'שמח תשמח רעים האהובים', דער באשעפער זאל געבן אלע סארט שמחות. ווען עס איז גוט, דארף מען דאך אוודאי זיין שמח, און ווען עס איז נישט גוט, זאל אויך זיין תשמח. אלץ זאל א מענטש לעבן מיט די שמחה, אמאל זעהט ער דעם גוטס, און אמאל זעהט ער עס נישט. 'כשמחך יצירך בגן עדן מקדם', אזוי ווי די שמחה פון אדם הראשון וואס איז געווען 'מקדם', פאר ער האט געזינדיגט מיט דעם חטא פון עץ הדעת, בעפאר ער איז צוגעקומען צו דעם אז ער זאל זיין יודע טוב ורע, האט ער זיך אויף אלעם פארלאזט אויפן אייבערשטען. ער האט געוואוסט אז וואס דער אייבערשטער טוט איז גוט. אזוי דארף צו זיין דאס לעבן פונעם מענטש שפעטער. און דעמאלטס וועט זיין שמח תשמח רעים האהובים, דעמאלטס וועט מען לעבן מיט א שמחה.

**עס** איז ביי יעדן איינעם אזוי, יעדער בחור האט זיך זיינע שוועריקייטן, איינעם אין רוחניות, איינעם אין גשמיות. און עס שטערט אסאך מאל, פארוואס בין איך אזוי, און דער חבר איז אנדערש, און עס שטערט אים פון וואקסן. ווען ער ווייסט אבער, אז דער אייבערשטער האט אזוי באשאפן, דאס איז דער תפקיד פון מיר אויף די וועלט איך זאל זיין אין דעם מצב, נישט אין דעם מצב פון מיין חבר, איך זאל זיין אזוי ווי איך בין, און איך זאל זעהן צו שטייגן און דינען דעם אייבערשטען אין די מצב וואו איך בין. מען בעהט נישט פון מיר עפעס אנדערש, פון מיר בעהט מען, איך זאל אויסנוצן וואס איך קען זיין. און ער פארלאזט זיך אויף דעם, ער איז מבטל זיין דעת פארן דעת פונעם אייבערשטען, דארט ליגט די הצלחה ער זאל קענען שטייגן, און ווייטער דינען דעם אייבערשטען.

*

**איך** וויל אנווינטשן פאר מיין חשובן אייניקל חיים מאיר, אונזער חשוב'ער חבר, דער באשעפער זאל אים געבן, ער זאל קענען אויפשטעלן א שיינע יודישע שטוב. דער מחותן האט געגומען חיים מאיר פאר א חתן, מן הסתם האט ער באקומען גוטע אינפארמעישא"ן אויף אים, אבער איך מיין, אז ער האט נאך נישט די ריכטיגע אינפארמעישא"ן אויף אים. ווען מען וועט אים קענען אביסל פון דער נאנט, וועט מען געוואר ווערן וואס פאר א מרגליות טובה עס ליגט אין אים.

**דער** מחותן האט פארציילט שבת, אז זיין זיידע רבי אלחנן האלפערן פון לאנדאן, איז געווען א אדם גדול, א אדם חשוב מאוד. נאך די קריג ווען ער איז געווען א יונגערמאן, און ער איז געווען אנגעטון אזוי ווי א חסידישער יונגערמאן, מיט א ביבער הוט און א בעקיטשע, וואו דער סדר איז. און עס איז נאך נישט

געווען דעמאלטס תיכף נאך די קריג, אזא גרויסער עולם וואס איז געגאנגען אזוי חסידיש. און ער איז געווען אין ארץ ישראל, און ער איז אריינגעגאנגען צום **גור'ער רבי**, דער **בית ישראל**. - מען ווייסט אז דער בית ישראל איז געווען זייער א שארפער, און וואס ער האט גערעדט איז געווען אזוי קורץ און שארף, איינס צוויי ווערטער. - ווען ער איז אריינגעקומען, אזא חסידישער יונגערמאן, האט ער אים געגעבן אזא קוק אן, ער האט אים באטראכט אזוי א מינוט, און ער רופט זיך אן, נו, תוכו כברו?! [אינעווייניג קוקסטו אויך אויס אזוי שיין?], און מיט די צוויי ווערטער האט ער אים גע‍זעגענט, דאס פאסט פאר גור אזא שאלה.

**איך** בין נתפעל געווארן פון די צווייטע העלפט. האט דער מחותן געזאגט, אז דער זיידע האט געזאגט, אז די צוויי ווערטער וואס ער האט געהערט פונעם בית ישראל, האט אים שטענדיג באגלייט. ער האט שטענדיג געטראכט דערין, תוכו כברו, צו איך בין אינעווייניג, אזוי ווי מען קוקט אויס אויסענווייניג. - איך וויל זאגן אויף חיים מאיר, אז עס איז נישט תוכו כברו, נאר דער תוכו איז אסאך מער ווי דער ברו. און איך האף מיטן אייבערשטען'ס הילף, אז ער וועט ווייטער ממשיך זיין, ער וועט זיצן באהלה של תורה, וואקסן אין תורה, ער וועט אויפשטעלן א שיינע ערליכע יודישע שטוב, עס זאל זיין תפארת זקנים, א פראכט פאר די עלטערן, און פאר די זיידעס.

*

**איך** וויל פארציילן כדי מען זאל וויסן ווי אזוי ערליכע יודען, תלמידי חכמים, האבן אמאל אויסגעקוקט. דער חתן איז א אייניקל פון **שאמלויא'ער רב**, און דער מחותן איז א אייניקל פונעם **ראדאמישלער רב**,ביידע האבן געהייסן פון די שענסטע גדולים וואס איז געווען פאר די קריג. דער ראדאמישלער רב איז געווען בעיקר פון גאליציע, און דער שאמלויא'ער רב איז געווען אין רומעניע און אונגארן. איך האב געהערט פון **מיין טאטען ז"ל**, אז ווען דער שאמלויא'ער רב האט ארויסגעגעבן זיין ספר **שו"ת לחם שלמה**, האט ער געבעטן אן הסכמה פונעם ראדאמישלער רב אויף זיין ספר. דער ראדאמישלער רב האט אים געשריבן א הסכמה, איך מיין אז די הסכמה איז געדרוקט אין לחם שלמה.

אבער דער זיידע שרייבט אין די הקדמה, אז דער ראדאמישלער רב האט אים געשיקט אן הסכמה והרבה עלי בתוארים, ער האט געשריבן אויף מיר גרויסע טיטלען, וואס איך בין עס נישט ווערד, על כן השמטתי התוארים, האב איך ארויסגעלאזט די טיטלען וואס ער האט מיר געשריבן. - דאס איז געדרוקט אין לחם שלמה.

**שפעטער** האט זיך דער שאמלויא'ער רב געטראפן מיטן ראדאמישלער רב, האט אים דער ראדאמישלער רב געזאגט, יישר כח אז איר האט אויסגעלאזט די טיטלען וואס איך האב געשריבן אויף אייך, ווייל איך האב געקוקט אינעם ספר, און יעצט זעה איך, אז איר זענט אסאך מער פון די טיטלען וואס איך האב געשריבן... - אזוי קוקן אויס צוויי ערליכע יודען. ער האט געהאלטן אז דער טיטל וואס מען האט געשריבן אויף אים איז צו סאך, און יענער האט געהאלטן אז די טיטול וואס ער האב געשריבן אויף אים, איז צו ווייניג.

**דער** חתן שטעלט יעצט אויף א שטוב פון ביידע שטובער צוזאמען, די צוויי גדולי ישראל זענען געווארן מחותנים, זאל דער אייבערשטער געבן, זיי זאלן זעהן בנים ובני בנים עוסקים בתורה ובמצות. און ביי ענק אלע, זאל דער אייבערשטער צושיקן אי"ה בקרוב זיווגים הגונים, פאר די וואס דארפן עס האבן תיכף. און די וואס דארף עס האבן שפעטער, זאל דער באשעפער העלפן אי"ה, ווען עס קומט די ריכטיגע צייט זאל מען טרעפן יעדער איינער דאס ריכטיגע, מען זאל קענען ממשיך זיין צו פירן א שיינע יודישע שטוב.

**יעצט** דארף מען אויסנוצן די צייט וואס מען איז אין ישיבה. מען גייט ארויס אין קעמפ די קומענדיגע וואך, זאל מען ארויסגיין מיט א פרישן התחדשות, און א פרישן חיות. קעמפ איז די שענסטע טעג וואס א בחור האט אין די צייטן פון זיינע בחור'ישע יארן, אזוי האט זיך עס אויסגעשטעלט, מען זיצט א גאנצע וואך צוזאמען, און שבתים, פון צופרי ביז ביינאכט, פיר און צוואנציג שעה. מען איז אויסגעטון פון אלע עניני עולם הזה, קוים וואס עס איז דא א טעלעפאון וואס מען קען נוצן. עס אינטערעסירט גארנישט פאר א בחור אין די וואכן, נאר איבערצו'חזר'ן מסכת נדרים. איין ציל דארף ער

האבן, איך גיי אין קעמפ, איך גיי אויסנוצן די צייט צופרי און ביינאכט, איך וויל קענען די מסכת.

**און** יעדער קען עס מאכן! איינער וועט עס נאר קענען מער בעיון, און איינער וועט עס קענען שוואכער. אבער קיינער קען נישט זאגן, איך קען עס נישט באוויזן, עס איז נישט לפי כוחי איך זאל קענען די מסכת. מען קען עס באוויזן! די גאנצע מסכת איז אינגאנצען ניינציג בלאט, ווען יעדער בחור זאל איבערגיין יעדן טאג איין בלאט וואס מען האט שוין געלערנט, איז עס גארנישט אזוי שווער. מען דארף זיך נאר נעמען אין די הענט אריין, און אויסנוצן די צייט צו דינען דעם אייבערשטען. - דער באשעפער זאל געבן, מען זאל האבן א געזונטן און א פרייליכן זומער. וכמשוש חתן על כלה ישיש עליך אלקיך, מען זאל זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נכנסו **לרבינו שליט"א** בנות הבית ספר גבוה בוומסב"ג, שהצטיינו במסגרת מבצע כיבוד הורים, **ורבינו שליט"א** השמיע לפניהם דברי הדרכה.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**מען** האט מיר איבערגעגעבן אז די אלע וואס זענען זיך צוזאמגעקומען האבן זיך אויסגעצייכנט אין משך פונעם יאר אין א פראגראם וואס מען האט געמאכט וועגן כיבוד הורים ומורים.

**אויב** מען געדענקט, יום כיפור ווען מען זאגט על חטא, מען בעהט אויף די עבירות פונעם יאר, איז איין על חטא, על זלזול הורים ומורים. מען בעהט אז דער אייבערשטער זאל מוחל זיין אויף דעם חטא, וואס מען האט גרינגגעשעצט, 'הורים' איז טייטש עלטערן, 'ומורים' איז טייטש די לערערינס וואס לערנען, די רבי'ס וואס לערנען, ווערן אנגערופן מורים. עס איז א חטא וואס מען דארף אויף דעם עקסטער בעטן. דעם על חטא וועט עטץ קענען זאגן יעצט אביסל שנעלער, ווייל מען האט דאך דאס יאר מער אכט געגעבן אז מען זאל נישט צוקומען דערצו.

**עס** איז דא זלזול הורים, עלטערן, ומורים, און די וואס לערנען. ווער עס געוואוינט זיך נישט צו אז ער זאל נישט מזלזל זיין אין 'מורים', איז שפעטער מזלזל אויך אין 'הורים'. אז מען געוואוינט זיך, ווען מען איז יונג, זיך צו פירן מיט דרך ארץ, מען רעדט נישט אריין ווען יענער רעדט, וואס דאס איז קיינמאל נישט קיין שיינע מדה, ואינו נכנס בתוך דברי חבירו (אבות ה-ז), מען גייט נישט אריין אין יענעם'ס רייד, איז מען אויך מכבד די עלטערן. און אויף דעם איז דא א עקסטערע ברכה, למען יאריכון ימיך ולמען יטב לך (דברים ה-טז), אז מען זאל האבן א גרינג לעבן, א לאנג לעבן, איז תלוי אין די מצוה פון כיבוד הורים ומורים.

**אז** מען געוואוינט זיך צו פאלגן עלטערן, מען געוואוינט זיך צו פאלגן לערערינס, געוואוינט מען זיך אויך צו פאלגן שפעטער ווען מען הערט א רב זאגט עפעס, ער האט ארויסגעגעבן אן הלכה וואס מען דארף זיך צו פירן, מען געוואוינט זיך צו פאלגן. און די וואס זענען נישט מדקדק, און זענען מזלזל, זענען זיי שפעטער אויך מזלזל אין אנדערע זאכן.

**וואס** פארא ברכה קען איך ענק געבן? דער אייבערשטער באצאלט מדה כנגד מדה. אז א מענטש גיט אכט ער זאל נישט זיין א חלק פון מזלזל זיין אין הורים ומורים, צאלט עס דער אייבערשטער צוריק פאר דעם מענטש אליין, אז ער קומט נישט צו דערצו, אז מען זאל אין אים מזלזל זיין. אזוי שטייט אין הייליגע ספרים (עיין **פלא יועץ** כבוד אב ואם, **ובן יהוידע** בבא מציעא לג:), אז מען איז מכבד די עלטערן, איז מען זוכה שפעטער אז ווען מען ווערט אליין עלטערן, איז מען זיי אויך מכבד. קינדער וואס זענען נישט מכבד די עלטערן, ווען זיי ווערן עלטערן, איז מען זיי אויך נישט מכבד.

**און** אז מען לערנט זיך אויס אין די יוגענט, מכבד צו זיין עלטערן, מכבד צו זיין לערערינס, דאס האף איך אויף זיכער אי"ה אז עטץ וועטס אלע זיין יודישע מאמעס, און די קינדער וועלן ענק דארפן מכבד זיין. אז מען איז מכבד די אייגענע עלטערן, וועט מען ענק מכבד זיין. און איך האף אז א גרויס חלק פון ענק וועלן אויך ווערן מורים, טיטשערס, און מען וועט וועלן אז מען זאל מכבד זיין די מורים, מען זאל קענען איבערגעבן וואס מען דארף איבערצוגעבן. אין דעם זכות וואס עטץ האטס ענק אליין אזוי אויפגעפירט, זאל דער אייבערשטער ענק בענטשן,

עטץ זאלטס געהאלפן ווערן מיט אלעם וואס מען דארף צו האבן.

**איך** האב פריער געהערט, אז עס איז נישט נאר אויף כיבוד מורים, עס איז דא פראגראמען אויף אנדערע זאכן אויך אין משך פון דעם יאר. מען דארף זיך געוואוינען צוצושטעלן צו יעדע יודישע זאך, זיין א חלק דערפון. א כח פון רבים איז מזכה את הרבים, עס איז נישט פאר זיך אליין, א פאָר מיידלעך קענען איבערדרייען א גאנצע סקול אויף גוטס, און חלילה אויף שלעכטס! און אז מען טוט איבערדרייען אויף גוטס, איז מען א חלק פון מזכה את הרבים.

**עס** איז דא א פראגראם אויף רעדן יודיש. עס איז זייער חשוב. מסתם ברענגט מען עס ארויס, שלא שינו את לשונם (תדא"ר כג), ווען יודען זענען געווען אין מצרים, האט מען נישט גערעדט מצרי"ש, מען האט גערעדט צווישן זיך א היימישן יודיש, א היימיש לשון הקודש וואס מען האט דעמאלטס גערעדט, מען האט נישט גערעדט מיט די גוי'אישע שפראך.

**עס** איז דא א פראגראם אויף צניעות. דאס איז ענקער מצוה. מען זוכט זיך אסאך מאל מצוות, דאס מיט יענץ, עס איז אויך חשוב, איך מאך עס נישט אוועק, אבער עס איז דא איין ספעציעלע מצוה וואס איז געגעבן געווארן נאר פאר ענק, דאס איז די מצוה פון צניעות! און דאס איז מען אסאך מאל מזלזל, מען טוט גרינגשעצן דערין. מען דארף זיך געוואוינען אין די יוגענט אין די אלע גוטע מידות וואס מען ערווארט פון א יודישע טאכטער. זיין ערליך, צניעות'דיג, רעדן יודיש, רעדן מיט אונזער שפראך, נישט נאכגיין די וועגן פון די גוים. און דרך ארץ וואס איז קדמה לתורה.

**דער** אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, עטץ וועטס קענען אויפשטעלן שיינע יודישע הייזער שפעטער, און קענען זיין אליין ערליכע הורים, און ערליכע מורים, מיט אסאך ברכה און הצלחה.

*

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של נכדו **הרב חיים מאיר שליט"א** שהתקיים בבית הרבני הנגיד הר"ר **מאיר דוד טאבאק** הי"ו (בעל האכסניא של המחותן כ"ק האדמו"ר מוויזניץ שליט"א).

***__יום שלישי פרשת קרח__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

*

***__יום רביעי פרשת קרח__***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעור היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל אסיפת חינוך בעניני טעכנאלאגיע להורי מוסדותינו הק' במאנסי, שהתקיים באולם בנות ישראל ויזניץ. באסיפה נשמעו דבריו מאת הר"ר **יעקב יחזקי' אבערלענדער** שליט"א מנהל הת"ת, **הרה"ג רבי מנחם פישער שליט"א** דומ"ץ דקהלתנו במאנסי, המחנך הר"ר **אלעזר יונה זילבערמאן** שליט"א, אחר כך השמיע **רבינו שליט"א** מדברות קדשו.

***__וזה תוכן הדברות קודש:__***

**נאך** די חשובע ווערטער וואס מען האט פריער געהערט, איז נישט דא וואס מען זאל דארפן צוגעבן דערצו. מען קען פארציילן נאך מעשיות און נאך מעשיות, מען קען זיצן א גאנצע נאכט און הערן. איך האב געוואלט ארויסברענגען צוויי דריי נקודות. די חשוב'סטע זאך וואס א מענטש פארמאגט, זענען זיינע קינדער. עס איז נישט דא אזא זאך אויף דער וועלט, וואס איז א נצחיות, וואס עס בלייבט פארן מענטש שפעטער. אפילו ווען ער לאזט איבער די וועלט, און די אלע הבלי עולם הזה האבן נישט קיין שום חשיבות אין זיינע אויגען, אבער אז מען לאזט איבער ערליכע יודישע דורות, וואס פירן זיך ערליך על דרכי התורה, ברא מזכה אבא, דאס קינד שלעפט ארויס פון גיהנם. די קינדער וואס מען איז מגדל ווי עס דארף צו זיין, די זענען די וואס טוען אונז ארויפברענגען.

*

**ד' מצוה פון חינוך איז נישט געגעבן געווארן פארן תלמוד תורה, די מצוה פון חינוך איז געגעבן געווארן פאר טאטע און מאמע! עס איז זייער מצוה, זיי דארפן מחנך זיין זייער קינדער. ולמדתם אותם את**

**בניכם** (דברים יא-יט), **לימוד התורה איז א טאטע מחויב צו זיצן און לערנען מיט זיינע קינדער א גאנצן טאג ווען ער האט פרייע צייט. די מאמע דארף מחנך זיין די קינדער אין שטוב, דאס געהערט צו איר, עס איז זייער מצוה. און מען האט אראפגעווארפן פון זיך די מצוה, און מען האט עס איבערגעגעבן אז דער תלמוד תורה זאל קע"ר נעמען פון די קינדער. איך געב אריין דאס קינד אין תלמוד תורה, און שפעטער אין ישיבה, איך וויל אז ביי די אכצן יאר זאל מען מיר צוריקגעבן מיין זון אויפגעארבעט ברום המעלות. עס גייט נישט אזוי! די תלמוד תורה קען לערנען מיט די קינדער, א תלמוד תורה קען צוגעבן א געוויסע חלק פון חינוך פאר די קינדער, אבער די קינדער לערנען פון טאטע און מאמע! די מערסטע פון וועם קינדער לערנען, איז פון די עלטערן. יעדע ריר וואס א טאטע טוט אין שטוב, און וואס א מאמע טוט אין שטוב, לערנט דאס קינד אז דאס איז די וועג ווי אזוי ער דארף זיך פירן. און וואס קינדער זעהן ביי די עלטערן, דאס בלייבט ביי זיי אויף שטענדיג. זעהן זיי גוטס, וואקסען זיי אויף גוטע קינדער. אפילו מען האט געהאט א שוואכע חינוך, קינדער וואס זענען געווען אמאליגע צייטן, וואס מען האט געלערנט אין שוואכע תלמוד תורה'ס, מען האט געלערנט אין געגענטער וואו עס איז געווען שוואך יודישקייט, אבער אויב די שטוב איז געווען א גוטע שטוב, זענען די קינדער אויסגעוואקסען תלמידי חכמים. ווייל די עיקר וואו קינדער לערנען זיך, איז די עלטערן. ווען א טאטע דאווענט ערליך אין בית המדרש, וועט זיין קינד דאווענען ערליך. ווען דער טאטע דאווענט נישט, אפילו ער וועט זאגן פארן קינד דאווען דאווען, עס וועט נישט איבערלאזן א רושם, ווייל קינדער לערנען זיך וואס מען זעהט אין שטוב.**

*

**די** נסיון היינט איז טעכנאלאגיע! יעדער דור האט זיך זיין נסיון, און דאס איז דער נסיון פון היינט, וואס ליידער פירט עס אראפ דעם גאנצן כלל ישראל. פון די גוי'שע וועלט רעדט מען דאך נישט, אבער דער גאנצער כלל ישראל גייט ליידער פון יאר צו יאר מטה מטה, מען ווערט צוביסלעך אריינגעכאפט דעריין. און אונזער פליכט איז, צו זעהן מחנך צו זיין אונזערע קינדער, אונזערע דורות, ווי עס דארף צו זיין. און עס הייבט זיך אן אין שטוב. ווי אזוי מען פירט זיך אין שטוב, דאס ווערט דער וועגווייזער פאר די קינדער אויף שפעטער. עס איז נישט שייך צו זאגן, דער טאטע מעג יא, דער מאמע מעג יא, און דו טארסט נישט. דאס ארבעט נישט. אז ער זעהט עס ביי די עלטערן, ווייסט ער אז דאס איז דער וועג ווי אזוי מען מעג זיך פירן על כל פנים. מען דארף וויסן אז עס ליגט א געוואלדיגער חיוב פון חינוך, אויף די שטוב.

**טעכנאלאגיע** איז זייער גרויס, ווי מען האט פריער געהערט, די נסיונות דערפון זענען זייער שווער, ווייל עס איז דא שטובער וואו מען דארף עס טאקע האבן למחצה לשליש ולרביע, און די באקוועמליכקייט וואס עס ברענגט מיט זיך מיט. אבער **מיר זענען מפקיר אסאך מאל וועגן דעם אונזערע דורות. מיר זענען מפקיר אונזערע קינדער, און וויפיל טייכען טרערן זענען שוין פארגאסן געווארן, פון שטובער וואו מען כאפט זיך צו שפעט. עס זיצט א בחור אין ישיבה, און זיין קאפ איז נישט ביים לערנען, ער האט זיך ערגעץ פארפלאנטערט, ערגעץ איז ער פארקראכען, זיין קאפ איז שוין נישט דארט, ער קען נישט מיטהאלטן א קצות, ער האלט נישט מיט א תוספות, ער האט נישט קיין שום ווארימקייט אין זיך, ווייל ער איז ערגעץ פארפארן. וויפיל כוחות דארף מען היינט אריינלייגען, ווען עס איז שוין דא הייליגע שטובער, ערליכע שטובער, אז די קינדער זאלן בלייבן ערליך, און מען זאל נישט קאליע ווערן פון די גאס. וויפיל סייעתא דשמיא דארף מען האבן. און כל שכן ווען מען ברענגט עס אריין אינעם שטוב אליין, וואס דאס מיינט.**

**מען** געפונט אז די תורה האט צוגעשטעלט די פרשה פון א נזיר וואס טוט זיך אפשיידען פון וויין, נעבן די פרשה פון סוטה. און רש"י (במדבר ו-ב) זאגט, ווייל ווען ער זעהט סוטה בקלקולה, יזיר עצמו מן היין. ווען ער זעהט ווי אזוי א סוטה איז אדורכגעפאלען, הייבט ער אן זיך צו פירן מיט פרישות, זיך אפצושיידען פון וויין. ער זעהט נישט אז די סוטה האט געטרינקען וויין, און ער זעהט נישט יעצט פאר זיך וואס עס האט צוגעברענגט דערצו, ער זעהט שוין די לעצטע שטאפל פון די פיקטשע"ר, די סוטה איז בקלקולה. וועט א מענטש זאגן, איך וויל נישט אזוי אויסקוקן, איך וויל נישט אז מיינע קינדער זאלן אזוי זיין. זאל ער וויסן אז דאס

האט געהאט א אנהייב, ביז מען איז צוגעקומען צו דעם. צו זיין א סוטה בקלקולה איז זי אדורכגעגאנגען וואכן און חדשים פריער, וואס מען האט אנגעהויבן מיט א קלייניגייט, און פון איין שטאפל איז עס געגאנגען ווייטער, ביז מען איז צוגעקומען דערצו. מען טרינקט נישט וויין, און מען ווערט גלייך א שיכור. מען טרינקט קידוש וויין, און מען הייבט אן צו טרינקען אביסל מער, און אביסל מער, ביז מען קומט צו שפעטער אז מען פארלירט זיך אינגאנצן. דער וואס זעהט סוטה בקלקולה, דער איז יזיר עצמו מן היין, דער כאפט זיך תיכף, איך דארף אנהייבן ביי די א', איך וויל האבן ערליכע קינדער, איך וויל האבן א ערליכע יודישע שטוב, איך וויל נישט וויינען שפעטער אויף מיינע דורות. עס האט נישט קיין שיעור ארויסצוברענגען וויפיל עלטערן וויינען זיך אויס ביי די עסקנים, ווי מען האט פריער געהערט, און ביי די רבנים, און די דיינים, די פראבלעמען. מען איז פארלוירן, וואו גיי איך, וואס טוה איך יעצט, מיין קינד הייבט אן אביסל צו גליטשען.

**א יונגערמאן האט מיר אמאל געזאגט, נאך מיט יארן צוריק, ביי מיין טאטע אין שטוב איז געווען א קאמפיוטער, און ער האט עס געהאט אפגעשפארט אז מען זאל נישט קענען צוקומען דערצו. און איך האב זיך ארומגעשפילט, און איך האב געטראפען ווי אזוי מען קען צוקומען, און עס האט מיר אינגאנצן אראפגעברענגט פון מיין יודישקייט. איך קען נישט זאגען פאר מיין טאטע גארנישט, און איך קען אים נישט פארהאלטען, אבער אין עולם העליון וועל איך אים רופן צו דין תורה, אז ער האט מיך אראפגעפירט פונעם ריכטיגען וועג! אנשטאט עלטערן זאלן זיין די וואס געבן דעם כח און דעם חיזוק אז מען זאל זיך קענען האלטען אין אזא שווערע מצב, דערווייל טוען זיי אסאך מאל מיט קלייניגקייטן, ווי מען האט פריער געהערט, מיט א פלענעם סמארטפאון, אז מען גיט נישט געהעריג אכט דערויף וכדומה, וואו מען קומט אלץ אן שפעטער. קינדער געבן זיך א עצה מיט אלעם, עס איז נישט קיין נפקא מינה שבת, יום טוב, זונטאג, ביינאכט, זיי טרעפן א צייט ווען זיי קענען צוקומען דערצו. זיי טראכטען פון דעם שטענדיג, איך וויל אויך זעהן וואס עס טוט זיך אויף די צווייטע זייט פון די וועלט. עס איז א געוואלדיגע חיוב אויף אונז, צו פאלגן ווען א מוסד בעהט עפעס. מיר זענען נישט די מחנכים פון די עלטערן, אבער די פליכט פון די מוסד איז, אז די קינדער זאלן נתחנך ווערן ווי עס דארף צו זיין. איין קינד וואס ווערט פארדארבען, קען פארדארבען א גאנצע קלאס, און א גאנצע ישיבה!** און עס איז אונזער פליכט אפצוהיטן די שטובער, אז די שטובער זאלן זיין ערליך. א קינד זאל קענען נתחנך ווערן ווי עס דארף צו זיין.

*

**און** די מאמעס האבן אין דעם א גרויס חלק, זיי זאלן קענען צוהעלפען צו דעם. די וואך אין די פרשה ווייסט מען, אז ביי די עדת קרח איז געווען חמשים ומאתים נשיאי עדה וואס האבן מיטגעהאלטן. קרח האט געמאכט א גוטע ארבעט, ווי אזוי ער האט אויפגעפלאמט די מחלוקת אקעגן משה רבינו. און צווישן זיי איז געווען דתן ואבירם, און און בן פלת, ער איז אויך געווען פון ראובן'ס משפחה. אין מדרש (במדב"ר יח-כ) שטייט, חכמות נשים בנתה ביתה (משלי יד-א), די חכמה פון די ווייב פון און בן פלת, האט מציל געווען און בן פלת. **דער אייבערשטער האט געגעבן בינה יתירה באשה** (נדה מה:), **זיי האבן א בינה יתירה, זיי האבן א געוויסע נקודה וואס א מאן האט נישט, צו טראכטן טיפער ווי א מאן טראכט. ביי זיי ליגט חינוך פון די קינדער אין די בלוט, פאר דעם געבן זיי זיך אוועק מיט מסירת נפש, אז זיי זאלן קענען מחנך זיין ערליכע קינדער. חכמות נשים בנתה ביתה, זי דארף זיך אריינלייגען זוכן וועגן ווי אזוי צוצוהעלפן דעם מאן ער זאל קענען זיין ערליך, און די קינדער זאלן זיין ערליך.** עס איז אין אירע כוחות אז זי זאל דאס קענען אויספירן.

**עס** זיצן דא ב"ה א עדה חשובה, א עדה קדושה, א הייליגע עדה, עס איז זיכער דא שטובער וואס איז זייער ריין, און עס איז זייער אפגעהיטן. עס איז דא שטובער וואס מען קען זיך אסאך מאל נישט היטן ווי עס דארף צו זיין, ווייל ווי מען האט פריער געהערט, מען דארף דאך עס האבן אמאל אמאל, אבער **ווען א מענטש לייגט פאר זיינע אויגן, מיינע קינדער זענען ביי מיר די פריאריט"י, אויב ער וועט האבן א חשש אז זיין ביזנעס וועט עפעס קאליע גיין, דורך דעם וואס ער האט אזא כלי אין שטוב, וואלט ער עס נישט געהאלטן אין שטוב, ער וואלט נישט געוואלט אז זיין ביזנעס זאל קאליע גיין, דאס איז ווען מען רעדט פון אפאר דאלער. ווען מען רעדט פון**

**זיינע דורות, זיינע קינדער און זיינע אייניקלעך, איין קינד גייט אראפ פונעם ריכטיגען וועג, איז דאס קינדער מיט אייניקלעך און אור אייניקלעך עד סוף כל הדורות.** און דאס וואס מיר היטן זיך, מיר פרובירן אויפצושטעלן שיינע יודישע שטובער, דאס איז דער איינציגסטער כח וואס אונז האב מיר.

**מען** האט פריער געהערט, קרח האט געקריגט אויף משה רבינו. אין מדרש (ילקוט שמעוני ריש פ' קרח) שטייט, אז ער האט אויסגערעכנט א גאנצע אוצר מיט ליצנות אויף משה רבינו. ווען מען קויפט א פעלד, זאגט ער לא תחרוש, און נאכדעם לא תזרע, און נאכדעם דארף מען געבן דערפון תרומות און מעשרות, און ראשית הגז, און א בכור, ער האט אויסגערעכנט אלעס ווי אזוי משה רבינו ציהט ארויס דאס געלט פון מענטשען. און ער האט אנגעפירט א גאנצע מחלוקת, און דער אייבערשטער האט געוויזען דעם נס וואס איז געווען שפעטער, אז די ערד האט איינגעשלינגען קרח וכל עדתו, און אלע בלועים און שרופים וואס איז געווען. און משה רבינו האט דעמאלטס געזאגט (במדבר טז-כט), אם כמות כל האדם ימותון אלה, אויב זיי וועלן שטארבען א געוועגליכע מיתה, לא ה' שלחני, האט מיך דער אייבערשטער נישט געשיקט. ואם בריאה יברא ה', אויב זיי וועלן שטארבען א אנדערע סארט מיתה, איז א סימן אז ה' שלחני, איך בין א שליח פונעם אייבערשטען.

**מען** זאגט נאך פונעם **צאנזער רב זי"ע**, אז ער האט געפרעגט, טאמער עס איז לא ה' שלחני, פארוואס קומט זיך אם כמות כל האדם ימותון אלה. אויב דער אייבערשטער האט אים נישט געשיקט, דארפן זיי בלייבען לעבן. האט דער צאנזער רב געזאגט, אז משה רבינו זאגט עפעס, דארף מען פאלגען בכל אופן, צו עס איז ה' שלחני, צו עס איז לא ה' שלחני. נאר אויב דער אייבערשטער האט אים נישט געשיקט, און ער זאגט עס אליין, דעמאלטס שטארבט מען כמות כל האדם. און אז דער אייבערשטער האט אים יא געשיקט, שטארבט מען מיט א בריאה חדשה.

**אונז קען מיר זיך נישט האלטען אנדערש. אונז רעד מיר פון זאכען, וואס טעג און וואכען וואס מען זיצט און מען טראכט וואס מען קען טון מציל צו זיין דעם כלל ישראל. וויפיל ארבעט די פריערדיגע גדולי ישראל האבן אריינגעלייגט אקעגן די אלע טעכנאלאגישע כלים וואס איז דא, עס האט זיך נאך אנגעהויבן אין זייערע תקופה. און דאס דארף מען פאלגען!! מען מוז נישט אלעס פארשטיין! גלייבטס וואס מען זאגט! מען זוכט נישט ארויפצולייגען חומרות אויפן עולם, מען זוכט נישט ווי צו טון פאר קיינעם. מען רעדט פון אהבת ישראל, ווייל מען האט ליב יודישע קינדער, און עס טוט וויי ווען מען הערט נאכדעם ווי אזוי א יודישע שטוב איז קאליע געווארן.** כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', בתוכם ווייסען מיר דעם אמת, אז עס איז אזוי. נישט יעדער האט דעם כח אז מען זאל עס קענען אויספירן מן הכח אל הפועל, און פארדעם דארף מען מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען אז ער זאל געבן אז חפץ ה' יצליח, אונז זאל מיר קענען טון וואס עס איז אין אונזערע הענט, מציל צו זיין די דורות.

**מען** דארף היינט אסאך תפלות אויף קינדער. די בעסטע אופנים וואס מען איז שוין מחנך קינדער, דארף מען האבן אזויפיל סייעתא דשמיא, פון די בעסטע שטובער ליידער גליטשען זיך קינדער. **מען קען זאגען אז עס גייט נישט אדורך א טאג, וואס עס זאל נישט צוקומען צו מיינע אויערן א מעשה פון א קינד וואס גליטשט זיך! א טאג גייט נישט אדורך! און דאס איז פון בחורים און מיידלעך און פון יונגעלייט און פון יונגע ווייבלעך וכדומה, עס איז א חורבן איום ונורא! און עס איז אלעס פארבינדען, רובם ככולם, מיט טעכנאלאגיע.**

**אבער** דער אייבערשטער האט אונז נישט פארלאזט, **אז ער האט אונז איבערגעגעבן דעם נסיון, גיט דער אייבערשטער די כוחות אויך, אז מען זאל זיך קענען מתגבר זיין דערויף.** מען דארף נאר מתפלל זיין, און בעטן פונעם אייבערשטען, אז מען זאל האבן די ריכטיגע סייעתא דשמיא, צו קענען מחנך זיין ערליכע יודישע דורות, מען זאל זיך קענען פירן אויפן ריכטיגען וועג. עס איז שוין דער לעצטער נסיון האפן מיר פאר משיח וועט קומען, אונז זאל מיר קענען עומד זיין אין דעם נסיון. ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, אונז זאל מיר בקרוב צוזאמען אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר האסיפה חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **מרדכי אהרן** נ"ו בן הר"ר **יחזקאל שימשאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **אברהם נתן ראזענבוים** הי"ו, שהתקים באולם אימפיריעל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת קרח***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין לבן הר"ר **אברהם ברוך בערקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, ושיעור השבועי **באור החיים הק'**. אחר כך התפלל שם תפלת מנחה.

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **יצחק** נ"ו בן הר"ר **אביגדור קארנבלי** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יואל פרענקל** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החתן **שלמה יצחק** נ"ו בן הר"ר **ראובן יואל טובל** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יעקב אסה** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **אברהם ברוך בערקאוויטש** הי"ו, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברות קודש:***

**די** וואך אין די פרשה פארציילט די תורה הק', אז קרח מיט משה רבינו האבן זיך געקריגט, און דער עונש וואס האט פאסירט פאר קרח ועדתו, אז דער באשעפער האט באשאפן א בריאה חדשה, די ערד האט זיך געעפענט, און עס האט איינגעשלינגען קרח מיט זיין עדה, הם ונשיהם וטפם, זיי מיט די ווייבער און די קינדער. רש"י (במדבר טז-כז) זאגט אז מען קען זיך אראפלערנען פון דעם, דעם גרויסען עונש פון מחלוקת, אז דער בית דין של מטה שטראפט נאר פון די בר מצוה, און בית דין של מעלה פון די צוואנציג יאר, און דא זענען אפילו יונקי שדים, קליינע קינדער זענען אויך אוועקגענומען געווארן, וועגן דעם חטא פון מחלוקת.

**איך** האב געזעהן שטיין אין **כלי יקר** (בריש פרשתנו), א צווייטען טעם פארוואס די קינדער זענען אויך געשטארבען ביי די מחלוקת פון קרח. אין מדרש (במדב"ר יח-ג) שטייט, אז קרח האט גע'טענה'ט, כי כל העדה כולם קדושים ובתוכם ה', ומדוע תתנשאו על קהל ה'. דער פשוטער טעם איז געווען, אלע זענען הייליג, און מען מאכט נישט קיין חילוק גרעסער און קלענער. עס איז נישט דא קיין משה, עס איז נישט דא קיין אהרן, אלע זענען איינס, אלע זענען קדושים, אלע האבן געהערט אויפן בארג סיני אנכי ולא יהיה, עס איז נישט דא קיין קטן און א גדול, אלע זענען אין די זעלבע מדריגה.

**דער** מדרש גיט צו, אז ער האט זיך געדינגען און ער האט אנגעהויבן חוזק צו מאכען פון מצות אין די תורה. מצות ציצית, ער האט גענומען די ר"נ ראשי סנהדראות, און ער האט זיי אנגעטון מיט א טלית שכולו תכלת, און ער האט געפרעגט צו עס איז מחויב בציצית. מה דאך איין חוט פטר'ט א גאנצע בגד, איז דאך א כל שכן אז א טלית וואס איז כולו תכלת, דארף אוודאי נישט קיין ציצית. איז ער געקומען שפעטער מיט א צווייטע טענה, מצות מזוזה. א בית וואס איז מלא ספרים, צו עס דארף האבן א מזוזה. מה דאך איין מזוזה אויף די טיר איז גענוג, איז כל שכן א בית וואס איז פול מיט ספרים, דארף נישט א מזוזה. אזוי שטייט אין מדרש.

**דער** כלי יקר ברענגט צו פונעם **רבינו בחיי**, אז די זעלבע האט ער געזאגט, פונקט ווי דו זעהסט אז א טלית שכולו תכלת דארף נישט קיין ציצית, ווייל עס איז אינגאנצן תכלת, איז א עדה וואס איז כולם קדושים, דארף נישט קיין מנהיג. עס איז א עדה וואס איז כולם קדושים, דארפן זיי נישט האבן א קדוש וואס זאל זיין אקעגן דעם.

**מען** געפונט אבער אין די גמרא (שבת לב:) אז עס איז דא עבירות וואס קינדער גייען אוועק פון די וועלט, ווען די עלטערן זענען נישט נזהר דערין. איינס דערפון איז ציצית, אז ווער עס איז נישט נזהר אין ציצית, גייט עס אויס ח"ו אויף די קינדער. און די

זעלבע איז מזוזה, אז מען האט נישט קיין מזוזה געהעריג, גייט עס אויך אויס אויף די קינדער. זאגט דער כלי יקר, אזוי ווי זיי האבן דאך חוזק געמאכט פון די מצוה פון ציצית, און פון די מצוה פון מזוזה, אז מען דארף נישט קיין מזוזה, און מען דארף נישט קיין ציצית, איז געבליבן בניהם מתים, זענען אויך געשטארבען די קינדער פאר דעם עונש.

**פארוואס** איז טאקע די מצוה פון מזוזה און ציצית אזוי הארב, אז טאמער דאס איז נישט דא, איז עס נוגע פאר די קינדער. עס איז דא מצות וואס זענען פריוואטע מצות, עס איז א מצוה פאר זיך אליין, און עס איז נישט פארבינדען מיט עפעס אנדערש. און עס איז דא מצות וואס איז כולל כל התורה כולה, דאס גיט די סימבאל אויף די גאנצע תורה. ביי די מצוה פון ציצית שטייט (במדבר טו-מ), למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי, אז מען זאל געדענקען אלע מצות איז עס תלוי אין ציצית. א מזוזה אויף די טיר, דאס ווייזט אחדות פונעם אייבערשטען. ווען מען קומט אריין אינעם שטוב, און ווען מען גייט ארויס פונעם שטוב, שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד, דאס איז די מזוזה.

**א** טאטע וואס וויל מחנך זיין קינדער אין שטוב, און עס איז נישט דא קיין מזוזה אויף די טיר, און עס איז נישט דא קיין ציצית, דאס איז טייטש אז עס איז נישט דא קיין סימן ווען מען קומט אריין אין א יודישע שטוב, אז דאס איז א שטוב פון שמע ישראל ה' אלקינו ה' אחד. עס איז נישט דא קיין ציצית וואס זאל דערמאנען למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי, אין אזא שטוב קען מען נישט מחנך זיין ערליכע קינדער. און אז עס איז נישט דא קיין ערליכע קינדער, איז שוין בעסער אז עס איז בניו מתים ווי זיי זאלן בלייבן לעבן. איז צוליב ענן ציצית און ענן מזוזה, וואס דאס איז דער סימבאל פון א יודישער שטוב, איז בניו מתים. און דאס איז געווען ביי עדת קרח, אז ער האט נישט אכט געגעבן דערויף, דארף איך נישט די טפים, זיי וועלן נישט אויסוואקסען אזוי ווי דער אייבערשטער וויל.

**מדה** טובה מרובה, אז מען ווערט נתחנך אין א שטוב וואו ער זעהט שטענדיג ווי אזוי מען איז מחשיב תלמידי חכמים, ווי אזוי מען איז מחשיב משה רבינו, א שטוב וואו מען זעהט למען תזכרו ועשיתם את כל מצותי. א מזוזה אויף די טיר, אז ווען מען גייט אריין אין שטוב, זאל מען געדענקען אז די שטוב דארף זיך פירן הייליג. און ווען מען גייט ארויס פון די שטוב דארף מען זיך אליין פירן הייליג, דאס דערמאנט דאך די מזוזה בשעת מען גייט אדורך ביים פתח ביתו, אין אזא שטוב קען מען מגדל זיין ערליכע יודישע דורות.

*

אחר כך מסר **רבינו שליט"א** שיעור השבועי **באור החיים הק'**, בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת סיום של חבורת הל' עירובין בכולל ספינקא, שהתקיים באולם סקווירא, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברות קודש:</u>***

**איך** בין נישט געווען גערישט צו רעדן. מען האט מיך גערופן אז איך זאל קומען צו די מסיבה, און עס האט נישט אויסגעזעהן דעמאלטס אז איך זאל קענען אטיילנעמען, עס האט זיך אזוי געמאכט יעצט ממש פאר אפאר מינוט צוריק האט מען מיר מודיע געווען אז מען זיצט נאך דא, און עס איז נאך שייך צוצוקומען, האב איך געפילט פאר א חוב צו קומען. פותחין בכבוד האכסניא, דער ספינקער רבי זאל זיין געזונט, וואס טראגט דעם עול פונעם כולל שוין אזויפיל יארן, וואס ווער נאך אזוי ווי ענק ווייסט דאס חשיבות פון דעם געוואלדיגען מבצר התורה. איך פיל א הכרת הטוב, פאר מיין אייגענעם זון וואס לערנט דארט. ב"ה איך הער גוטע גריסן שטענדיג פונעם כולל, אביסל האלט איך מיט פון די קונטרסים וואס קומען ארויס מזמן לזמן. איך האב געטראכט איך וועל דאך אריבערקומען, און עס פראבירן אריינצולייגען אין מיין סדר היום.

**מען** האט פריער דערמאנט די גמרא (עירובין כא:), ווען שלמה המלך האט מתקן געווען עירובין, איז ארויסגעקומען א בת קול, בני אם חכם לבך, ישמח לבי גם אני (משלי כג-טו). וואו קומט צו עירובין, דער פסוק אם חכם לבך ישמח לבי גם אני. מען רעדט דאך דא צו יונגעלייט תלמידי חכמים, במשך הימים וועט מען אויסוואקסען אי"ה מורה הוראה'ס בישראל. עס שטייט פון איינע פון די פריערדיגע

גדולים, האט ער געזאגט, אז ווען מען וויל אסר'ן א זאך, און עס זאל מקובל ווערן, מוז מען טרעפן א אויסוועג אויך דערצו, אז מען זאל קענען געבן א צווייטען וועג וואו מען זאל קענען גיין. סתם אזוי אסר'ן א זאך, און מען האט נישט א מהלך אז מען זאל עס קענען אדורכפירן, איז זייער שווער צו אסר'ן. אז עס איז דא א צווייטע מהלך וואס מען קען אויספירן, דעמאלטס קען זיך האלטן א זאך. מען געפונט אין די גמרא (עיין שבת יד:) אז עס איז געווען כמה תקנות וואס מען האט מתקן געווען, און מען האט געזעהן אז דער עולם האט עס נישט מקבל געווען, און עס איז בטל געווארן די תקנה. דאס איז טייטש, אז מען קען נישט ארויפצווינגען אויף א ציבור א זאך וואס איז זייער שווער צו האלטן. ווען דעם איז געווען כמה זאכען וואס די חכמים האבן מתקן געווען אין די גמרא'ס צייטן, און פון דעסטוועגן דאך אז עס איז געווען שווער מען זאל עס אננעמען, איז בטל געווארן די גזירה.

**שלמה** המלך האט מתקן געווען עירובין, קודם האט ער גע'אסר'ט אז מען טאר נישט ארויסטראגען פון איין רשות צום אנדערן רשות. נישט נאר פון א רשות הרבים טאר מען נישט טראגען צו א רשות היחיד, נאר אפילו פון א רשות היחיד צו א רשות היחיד, טאר מען אויך נישט טראגען. אבער ער האט געזעהן אז אויב ער וועט אסר'ן אז מען טאר נישט טראגען פון איין רשות צום אנדערן רשות, איז עס א דבר שאין הציבור יכולין לעמוד בו. האט ער געטראפען א וועג, איך אסר טאקע צו טראגען, אבער איך געב א וועג ווי אזוי מען קען יא טראגען. אז מען וועט מאכען א עירוב, וועט מען קענען טראגען פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ. איז געקומען א כרוז, אם חכם בני, אויב דו ביסט א חכם, דו ביסט א רואה את הנולד (תמיד לב.), דו זעהסט צו זוכען א אויסוועג פאר דעם איסור וואס דו ווילסט אסר'ן, ישמח לבי גם אני, ווייל דאס וועט זיך האלטען. טאמער מען אסר'ט א זאך און מען האט נישט א וועג ווי אזוי מען זאל קענען געבן פארן ציבור, אז דער ציבור זאל עס קענען אויספירן, האט מען נישט אויפגעטון מיט די גזירה. ווייל א גזירה שאין רוב הציבור יכולין לעמוד בו, איז נישט א גזירה. אבער אם חכם בני, אז דו האסט געקוקט מיט א ווייטען בליק, פון איין זייט האסטו גע'אסר'ט, און דו האסט אויך געגעבן א וועג ווי אזוי מען זאל דאך קענען טראגען שבת פון איין פלאץ אויפן אנדערן פלאץ, ישמח לבי גם אני, איז דא א שמחה.

*

**אין** עירובין איז דא כמה נקודות טובות וואס מען לערנט אראפ דערפון. דער עצם עירובין איז דער טייטש, אז מען נעמט רשותים פון א רבים, און מען מאכט עס פאר א רשות היחיד. מען נעמט א רשות, וואס עס געהערט פאר יעדן איינעם זיין בית, און דורך א עירוב מאכט מען אז עס זאל ווערן איין רשות. און דאס ווייזט אויף די געוואלדיגע חשיבות פון אחדות. אין הייליגע ספרים ווערט ארויסגעברענגט, אז א רשות הרבים איז עלמא דפרודא, און רשות היחיד דאס איז א עולם פון אחדות. און מען קען מאכען אז עס זאל זיין עקסטערע שטובער, און פון דעסטוועגן דאך איז עס אזא נאנטקייט, אזא חיבור איינער מיטן אנדערן, אז אלע שטובער ווערן אזוי ווי איינס. און דאס איז בעיקר נוגע פאר תלמידי חכמים וואס זענען מרבים שלום בעולם, און זיי האבן אין זיך דעם כח אז זיי קענען מאכען פון א רשות הרבים, אז עס זאל זיין אזוי נאנט איינער צום צווייטען, ואהבת לרעך כמוך, אז עס ווערט דערפון א רשות היחיד.

**עס** ליגט אבער נאך אין עירובין. כדי א עירוב זאל חל זיין, דארף מען צוזאמנעמען א פת פון יעדן איינעם, און מען לייגט עס אריין אין איין בית, און דורכדעם ווערט גערעכנט ווי יעדער וואוינט אין דעם בית. די ערשטע נקודה דערפון איז, וואס איז אז ער האט אראפגעלייגט זיין פת דארט, ווי אזוי ווערט עס זיין בית. ווייל דעתו של אדם איז על פתו, דאס איז טייטש, אז אפילו בעצם א מענטש איז נישט אין דעם הויז, ער האט קיינמאל נישט אריינגעטרעטן אין דעם בית, ער ווייסט אפילו נישט ווי אזוי דער בית זעהט אויס. ער וואוינט אין א אנדערע געגענט, אבער וויבאלד ער האט יעצט זיין דעת אויף דעם מקום, ווערט גערעכנט כאילו ער וואוינט דארט. דאס ווייזט אויף די חשיבות פון א מחשבה פון א יוד, אז די מחשבה וואס א יוד טראכט אויף א צווייטען מקום, געפונט ער זיך נישט דארט ווי ער איז, ער געפונט זיך דארט ווי זיין מחשבה איז, אזוי איז מסביר דער **רמב"ן** (עירובין יז:). - דאס איז טייטש, אז א מענטש קען זיין אין עולם הזה, אבער אז זיין קאפ

איז נישט דארט וואו ער איז, זיין קאפ איז אין בית המדרש, זיין קאפ איז אין עולם התורה, ווערט ער נישט גערעכנט ווי ער איז עומד במקומו, נאר ער ווערט גערעכנט דארט וואו זיין מחשבה איז. ווייל דער מענטש ווערט גערעכנט וואו זיין דעת איז.

**דאס** איז דער ענין אז ווען א יוד שטעלט זיך דאווענען איז ער מכוון לבו אקעגן ארץ ישראל, אקעגן ירושלים, אקעגן קדשי קדשים און אזוי ווייטער, ווייל עס שטייט אין פסוק (מלכים א ח-מח) והתפללו אליך דרך ארצם. ווייל ער האט אינזין געהאט ארץ ישראל, ער האט אינזין געהאט דרך ארצם, על כן, וועגן דעם האט ער מקיים געווען דעם והתפללו אליך דרך ארצם?! יא. ווייל אז זיין מחשבה איז דארט, איז ווען ער שטייט שמונה עשרה, שטייט ער נישט דא, עס ווערט גערעכנט ווי ער שטייט דארט וואו זיין מחשבה איז.

**די** נקודה איז אויך נוגע צו די חשיבות פון מחזיקי תורה. סוף כל סוף יעדער איינער וואס זיצט אין כולל קען זיך נישט אליין האלטן, מהיכן ירק זה חי. עס איז דא די וואס העלפן צו דערצו. אמאל איז עס די עלטערן וואס קענען אויסהאלטן, און אמאל איז דא אנדערע וואס האלטען אויס. א גרויס חלק איז דער כולל אליין, וואס שטעלט צוזאם כדי אז מען זאל קענען ווייטער לערנען. און חלק כחלק יאכלו, עס איז א געוואלדיגער זכות פאר דעם וואס איז מחזיק תורה, דער וואס העלפט יונגעלייט זאלן קענען שטייגען אין תורה. און זיי האבן א חלק אין די גאנצע תורה וואס מען לערנט. יששכר און זבולון האבן זיך צוטיילט, זבולון איז נישט געווען אין בית המדרש, לחוף ימים ישכון, אבער ער האט צוגעהאלפן פאר תורה, ווערט עס גערעכנט אז ער איז א שותף אין תורה, און מען האט זיך צוטיילט. די וואס פירן דעם כולל, די וואס שטעלן צוזאם די געלט פארן כולל, האבן א געוואלדיגען זכות, עס ווערט גערעכנט כאילו זיי זענען אויך דארט אין בית המדרש, און מען לערנט.

**וואו** זעהט מען עס? ווען איך לייג אראפ מיין פת אין יענעמס שטוב, זאגט מען, אז איך וואוין דארט. איך בין דאך קיינמאל נישט געווען דארט, דו האסט אבער אהינגעלייגט דיין שטיקל ברויט. ווען דו געבסט פאר א תלמיד חכם א שטיקל ברויט, זיין פת אינעם שטוב, האסטו א חלק אין זיין תורה, דו וואוינסט דארט. אם חכם בני, ישמח לבי גם אני, אויב איך האב א זון א חכם, און איך בין מחזיק דעם זון כדי ער זאל קענען לערנען, ישמח לבי גם אני. פון עירובין זעהט מען, אז מען קען האבן א ישמח לבי, דורכדעם וואס מען האט צוגעשטעלט דעם פת ביי יענעם אין שטוב.

*

**די** עזרת נשים איז אויך דא, זיי האבן אויך א חלק אינעם פת פונעם שטוב. זיי שטעלן דאך צו אלעס צו קענען זיצען און לערנען. עס איז נישט דא אזא חלק כחלק יאכלו, ווי א אשת חיל, זי באקומט איר חלק אין דעם וואס זי העלפט ארויס אז דער מאן זאל קענען זיצען און לערנען. עס זיצען דא יונגעלייט וואס זענען נישט א יאר נאך די חתונה, און נישט צוויי יאר נאך די חתונה, און נישט צען יאר נאך די חתונה, און עס קומט נישט אן גרינג. מען האט א שטוב מיט קינדער, און מען דארף האבן פרנסה אין שטוב, בדרך כלל ווארפט זיך נישט קיין געלט אין די שטובער. און פון דעסטוועגן דאך טוט מען אלעס, כדי די מענער זאלן קענען בלייבען זיצען און לערנען.

**די** וואך אין די פרשה, געפונט מען אין מדרש (במדב"ר יח-כ), און בן פלת אשתו הצילתו, חכמות נשים בנתה ביתה (משלי יד-א), ווערט דערמאנט אין חז"ל אז דאס איז די ווייב פון און בן פלת. זי האט געזעהן אז עס טויג נישט די מחלוקת, איז זי געגאנגען און זי האט זיך אראפגעשטעלט ביי די טיר פרוע ראש, כדי מען זאל נישט אריינקומען רופן דעם מאן צו די מחלוקת. און מען רומט איר, אז איר חכמה איז בנתה ביתה, זי האט געבויט איר שטוב. די נשים צדקניות וואס זיי העלפן צו, אז די מענער זאלן קענען זיצן און לערנען, עס איז אשרי חלקם, חכמות נשים בנתה ביתה, זיי טוען בויען יודישע שטובער, זיי בויען אויף תורה. און זייער זכות איז, חלק כחלק יאכלו. זי באקומען א חלק אין די תורה וואס מען לערנט, דאס ערליכקייט וואס וועט ארויסקומען שפעטער פון די תלמידי חכמים וואס זענען עוסקים בתורה, האבן זיי דאס אלעס אויפגעשטעלט, און זיי באקומען א חלק. אז מען גיט פת אין א שטוב, ווערט גערעכנט ווי מען איז דארט, איז א כל שכן די וואס גרייטן צו דאס פת, אז מען זאל קענען זיצען און לערנען, האבן זיי א חלק אין דעם וואס מען זיצט און מען לערנט.

**וויל** איך נאר וואונטשען, דער אייבערשטער זאל געבן ווייטער אויך, מען האט מסיים געווען אזא שווערע מקצוע ווי עירובין, עס איז אשרי חלקכם וואס מען האט אוועקגעגעבן אזויפיל צייט, און אזויפיל שעות, טעג און נעכט, ביז מען איז אדורכגעגאנגען איינע פון שווערסטע הלכות וואס איז דא. ישמח לבי גם אני, יעדער פון אונז פריידט זיך, מען זעהט א חבורה פון תלמידי חכמים, וואס האבן זיך משלים געווען אין תורה. זאל דער באשעפער געבן, אז מען זאל קענען ווייטער שטייגען אין תורה און עבודת ה', און אויסוואקסען מרביצי תורה, און קענען איבערגעבן די תורה נאכדעם פאר אנדערע. עס איז היינט ראש חודש, זאל דער אייבערשטער העלפן, אז מען זאל האבן א פרייליכען לוסטיגען חודש, און מיר זאלן זוכה זיין אלע אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של החתן **שלמה יצחק טובל** נ"ו. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **משה יעקב פישער** שליט"א, עב"ג בן הר"ר **יוסף משה שפיטץ** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

*ערב שבת קודש פרשת קרח*

אחר תפלת שחרית התקיים הברית של בן הר"ר **אברהם אהרן קאליש** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

*וזה תוכן הדברות קודש:*

**די** וואך אין די פרשה איז די מחלוקת פון קרח מיט משה רבינו. אין פסוק איז נישט אויסגערעכנט קלאר וואס די מחלוקת איז געווען. איין פסוק איז דא, אז זיי האבן זיך צוזאמגענומען אויף משה מיט אהרן, און זיי האבן געזאגט, כי כל העדה כולם קדושים, ובתוכם ה', ומדוע תתנשאו על קהל ה' (במדבר טז-ג). די גאנצע עדה זענען קדושים, און דער אייבערשטער איז צווישן זיי, פארוואס האלט עטץ ענק מער ווי די אנדערע. עס איז א אריכת הלשון, כי כל העדה כולם קדושים, ובתוכם ה'. וואס מיינט קדושים, קדושים מיינט אז מען איז הייליג פארן אייבערשטען. אז מען זאגט כי כל העדה כולם קדושים, האט ער דאך שוין אלעס געזאגט, וואס האט ער צוגעגעבן, ובתוכם ה', אז דער אייבערשטער איז אין זיי.

**בפשטות** וואלט מען געקענט זאגען, אז מען האט דאך בוחר געווען אין שבט לוי מער ווי אלע אנדערע שבטים, אז זיי האבן געטון די עבודה אין בית המקדש. א זר האט נישט געטארט צוגיין צום אהל מועד. שבט לוי האט מען איינגעטיילט כהנים און לויים, און זיי האבן געטון די עבודה, און מען האט אויסגעשלאסן גאנץ כלל ישראל פון די עבודה. און קרח האט גע'טענה'ט, כל העדה כולם קדושים, ומדוע תתנשאו על קהל ה'. פארוואס האט עטץ גענומען פאר ענק אלעס, די גאנצע עדה איז קדושים.

**אבער** עס איז נישט אזוי פשוט אז כל העדה כולם קדושים, מען איז דאך געווען אין מצרים, און מען געפונט אין חז"ל (רש"י במדבר כו-ה), אז מען האט געזאגט, אם בגופם שלטו, בנשותיהם על אחת כמה וכמה, קען מען דען וויסן אז זיי זענען אלע מיוחסים, זיי זענען אלע קדושים, עס איז דאך מעגליך אז נישט. שבט לוי זענען נישט געווען אין שיעבוד, און ביי שבט לוי האבן זיי נישט שולט געווען אויף זייערע גופים, איז שבט לוי קדושים. יא, דער אייבערשטער האט אויסגעקליבן שבט לוי מער ווי די איבריגע, ווייל שבט לוי זענען קדושים, און אלע אנדערע ווייסט מען נישט צו זיי זענען קדושים, האט מען אויסגעקליבן שבט לוי.

**מען** זעהט אבער אין פרשת פנחס, אז דער אייבערשטער האט גענומען זיין נאמען, און ער האט עס ארויפגעלייגט אויף אלע שבטים, החנוכי הפלאי (במדבר כו-ה), זאגט דאך רש"י (שם), אז שבטי י-ה עדות לישראל (תהלים קכב-ד), דער אייבערשטער איז מעיד אז אלע זענען געווען קדושים. קומט דאך אויס, אז דער שם וואס דער אייבערשטער האט ארויפגעלייגט אויף די אלע, דאס איז מעיד אז שבט

לוי איז נישט מער ווי די אנדערע. אז מען האט אויסגעקליבן שבט לוי, האט קרח געזאגט, כי כל העדה כולם קדושים, שבט לוי איז נישט מער קדוש ווי אלע אנדערע, ווייל ובתוכם ה', דער אייבערשטער האט דאך אריינגעלייגט זיין נאמען אויף אלע שבטים, און אז דער אייבערשטער איז מעיד אז אלע זענען קדושים, איז שבט לוי נישט מער ווי די אנדערע, ומדוע תתנשאו על קהל ה'.

*

**עס** קען זיין לענינינו, מען זיצט ביי א סעודת ברית מילה, דער מנהג איז, אז מען זאגט ביים דאווענען וכרות עמו הברית, דער מוהל מיטן ציבור פסוק בפסוק. דער וכרות עמו הברית רעדט לעולם נישט פון ברית מילה, עס גייט ארויף אויף אברהם אבינו וואס מען רעדט פארדעם, והוצאתו מאור כשדים, ושמת שמו אברהם, ומצאת את לבבו נאמן לפניך, וכרות עמו הברית לתת את ארץ הכנעני, החתי האמורי וכו', אז מען וועט געבן ארץ ישראל פאר אברהם אבינו, עס האט גארנישט קיין שייכות לכאורה צו ברית. אין חז"ל (הובא ברש"י בראשית יז-כד) איז דא אויף וכרות עמו הברית, אז דער אייבערשטער האט צוגעהאלפן אברהם אבינו בשעת ער האט זיך גע'מל'ט. אבער דאס איז נאר בדרך דרש, אין פשטות האט עס נישט קיין שייכות.

**מען** זאגט אבער דארט צום סוף, דער אייבערשטער האט אונז ארויסגעצויגען פון מצרים, ותעש לך שם, דער אייבערשטער האט געמאכט א נאמען, כהיום הזה, אזוי ווי דער היינטיגער טאג. מען ברענגט צו פונעם **זוהר הק'** (תיקוני זוהר כב עו.), אז בשעת מען מל'ט א קינד, ווערט ארויפגעלייגט אויף אים צוויי שמות. א שם מלגאו, א שם פון אינווייניג, און א שם מלבר, און א שם פון אינדרויסן. אינווייניג איז שולט דער שם הוי"ה, און אינדרויסן איז שולט דעם שם שד"י. ווען א מענטש זינדיגט, גייען אוועק די צוויי הייליגע שמות, און אנשטאט דעם קומען אנדערע שמות. אנשטאט דעם שם שד"י, קומט דער ס"מ. און אנשטאט דעם שם הוי"ה, קומט שטן. דער **ישמח משה** (פ' מקץ) זאגט, ירד ירדנו (בראשית מג-כ), ווען דער שם שד"י טוישט זיך אויף ס"מ, גייט אראפ פון דריי הונדערט און פערצן, אויף הונדערט, ווערט עס מיט צוויי הונדערט און פערצן וויניגער, די מספר פון יר"ד. ירד ירדנו, די ירידה איז די מספר פון יר"ד.

ווייל עס האט זיך געטוישט פון דעם שם שד"י אויף ס"מ, עס פעלט דערפון צוויי הונדערט און פערצן.

**על** כל פנים, די צוויי שמות וואס מען לייגט ארויף אויף א קינד, דער שם הוי"ה מיטן שם שד"י, באטרעפט צוזאמען דריי הונדערט און פערציג, די מספר פון ש"ם. ווען מען מל'ט א קינד, קומט ארויף אויף אים די צוויי שמות. און וועגן דעם וואונטשט מען אן כש"ם שנכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים. יעצט האט ער אויף זיך צוויי הייליגע שמות, און מען דארף האבן א זכות אז דאס זאל זיך נישט טוישן שפעטער אינעם לעבן. וואונטשט מען 'כשם', אזוי ווי די צוויי שמות וואס ער איז נכנס לברית, כן יכנס לתורה ולחופה ולמעשים טובים, זאל ער עס האבן שפעטער.

**קומט** אויס, אז בשעת יודען זענען ארויס פון מצרים, האבן זיך אלע גע'מל'ט, איז דאך דעמאלטס אויף זיי ארויפגעקומען די צוויי שמות שד"י מיטן שם הוי"ה, איז ותעש לך 'שם' כהיום הזה, אזוי ווי היום הזה איז א טאג פון מילה, וואס מען מל'ט דאס קינד, לייגט מען ארויף אויף אים די צוויי שמות, ותעש לך שם, דעמאלטס האט דער אייבערשטער אויך געטון פאר אלע יוצאי מצרים, כיום הזה. טוט מען מבליט זיין בשעת א ברית מילה, וואס עס איז היום הזה, מען מל'ט א קינד, זאגט מען, אז די שמות וואס מען לייגט היינט ארויף אויפן קינד, דאס איז ותעש לך שם כהיום הזה.

**קרח** האט גע'טענ'ט, כי כל העדה כולם קדושים. זענען זיי דען כולם קדושים, קען מען דען אנרופן יעדע יוד אז ער איז א קדוש. יא, יעדער יוד האט א ברית קודש, מען האט אים גע'מל'ט, מען האט אים אריינגעלייגט בחולקא פונעם אייבערשטען, דער באשעפער האט כורת געווען מיט אים א ברית, איז ער א קדוש. ווייל ובתוכם ה', בשעת מען מאכט א ברית, לייגט מען אריין אינווייניג, אינעם תוך, לייגט מען אריין דעם שם הוי"ה. אינדרויסן איז דער שם שד"י, און אינווייניג איז דער שם הוי"ה. האט ער געזאגט, כי כל העדה כולם קדושים, די גאנצע עדה זענען קדושים, מען האט זיך אלע גע'מל'ט, ובתוכם ה', מען האט אריינגעלייגט דעמאלטס דעם שם הוי"ה, ומדוע תתנשאו על קהל ה', פארוואס טוט עטץ ענק מתנשא זיין על קהל ה'.

***שבת קודש פרשת קרח***

ביום שבת קודש בדרך לביתו נאוה קודש נכנס **רבינו שליט"א** לקידושא רבא לרגל הבאווארפן של בן הר"ר **יהודא חיים מאנן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יקותיאל מאיר גראס** הי"ו, שהתקיים בבית המדרש סאמבאטהעלי.

בדרשת פרקי אבות דיבר **רבינו שליט"א** בדברי הגמרא (שבת קיח:) הקורא הלל בכל יום הרי זה מחרף ומגדף, ובענין הנהוג לאחרונה לומר 'נשמת' בכל יום, ונעתיק בזה תוכן הדברים:

הנה בכל דבר חדש שהאדם נהנה ממנה מעורר התפעלות ושמחה ברגשי בני אדם, ועל דרך שמצינו במתן תורה, ביום הזה באו מדבר סיני (שמות יט-א). וברש"י לא היה צריך לכתוב אלא ביום ההוא, מהו ביום הזה, שיהיה דברי תורה חדשים עליך כאילו היום ניתנו ע"כ... וכמו כן דבר הבא לאדם רק מזמן לזמן, אז בבוא הדבר יש לו שמחה יתירה, כי אינו רגיל בו. ומברכין ברכת שהחיינו וקימנו והגיענו לזמן הזה על כל פרי שמתחדש משנה לשנה, ועל כל מצוה שבא רק מזמן לזמן, כי על זה מתעורר התפעלות בלבו, ומרגיש שמחה יתירה, יותר משאר מצות שבאים לידו יום יום.

ועובדא ראיתי **מהרה"ק מתולדות אהרן זצ"ל**, כאשר אחי **הגה"צ רבי שלמה זלמן זצ"ל** (אב"ד תולדות אהרן וומסב"ג) נתחתן שם, רקד האדמו"ר מצוה טאנץ בהתלהבות עצומה, בניגון שהיה מנגן בימים נוראים על פיוט אין קצבה. ואצל בני משפחתינו היה זה ניגון חדש, וכאשר נערך סעודת שבע ברכות, התחיל אחד לזמר באמצע הסעודה ניגון זה. וראיתי על צורתו שהדבר לא נוח לו, אך מחמת עדינותו לא הפסיקו באמצע. אבל כאשר רצה לחזור ולכפול לזמרו שנית, ביקש ממנו שלא יזמר אותו עוד. ואמר, כי יש ניגונים המיוחדים לימי חול, ויש ניגונים שקבעוהו לשבת, ויש ליום טוב, ויש ניגונים מיוחדים לעתים נעלים, כגון ימים נוראים וכדומה, ואינו מן הנכון לזמר אותם בשאר זמנים, כי על ידי זה יחסר ההתרגשות כאשר יעמוד באותו זמן הנעלה ע"כ.

ובאמת אנו רואין כן בעינינו, אשר בימים נוראים יש פיוטים שונים שמעוררים מאד בני אדם, מחמת התחדשות הדברים שנאמרים רק פעם אחת בשנה. אבל המזמורים והפיוטים שנאמרים בכל יום, אם כי יתכן שהתוכן שבהם נעלים מאד, מכל מקום מחמת רגילותם חסר ההרגש והשמחה באמירתם.

**ולאחרונה חדשים מקרוב באו, לומר 'נשמת' בכל יום לסגולה מיוחדת, אבל לאמיתו תיקונו זהו קלקולו, שנאבד ההרגשה על ידי זה ביום שבת קודש, שקבעוה ביום זה דייקא, להתעורר ביומא דנשמתין ביתר שאת. וגם אם המצא תמצא כן באיזה ספר, היו הדברים נאמרים רק ליחידים במקרה שונים של הודאה בעת צרה, ואין זה נחלת הרבים. וכמו כן כהיום משוררים ומזמרים יום יום כל סוגי הניגונים שהיו מיוחדים רק לזמן ידוע. ושוררים שירי ל"ג בעומר יום יום כאילו עומדים במירון, ולכן בבוא הזמן המיועד פג כבר התעוררותו.**

ועל כן הגם שיש להלל ולהודות לה' יום יום בפסוקי דזמרה, ובאמירת תהלה לדוד שלשה פעמים ביום. אבל יש מזמורים מיוחדים של מזמורי הלל שנתקנו רק לימים מיוחדים להודות על הנסים שאירעו באותן הימים, כדי לאומרם אז בהרגש ובשמחה ובהתפעלות הלב, אשר חובת אותו יום הוא להתעצם באמונת אלקי עולם שבידו לשנות טבע הבריאה. אבל המתרגל לומר הלל בכל יום, נאבד מהם ההרגש, והוי דיוטגמא ישנה, וכשמגיע היום שצריכין לאמרו ברגשי הלב, הוא מוציא הדברים בקרירות מחמת רגילותו, ומתהפך השבח לחירוף וגידוף ח"ו. עד כאן תוכן דברי **רבינו שליט"א**.

[ויש לציין בזה דברי **המאירי** (שבת קיח:) על דברי הגמרא הקורא הלל בכל יום, וזה לשונו: יש מפרשים הטעם, שמתוך שאומרו תמיד ושלא בטעם, אינו מרגיש להתעורר עליו בימים שנקבע בו להודאה על הנסים שארעו בהם, ויבא מזה להכחיש בהם ע"כ. ועיין **בשו"ת מכתם לדוד** (להגאון **רבי דוד פרדו זצ"ל**, מרבני ירושלים בזמן החיד"א, או"ח סימן יג) שמדמה אמירת נשמת שלא בשעת התפלה בשבת, לקורא הלל בכל יום].